מיר ווינטשן אונזערע פריינט **כתריאל** און **רחל בראוער** צו דער בר מצוה פון זייער ליבן זון **מיכאל**, צו דערלעבן פון אים פיל נחת און פרייד.

לשון און לעבן

## לדניאל פרסקי — ליובלו

אף כי לא מצאנו שום סמך וזכר במקרא ובדבריהם ז״ל לחג יום הולדת, מלבד „שם הולדת פרעה״, ויש בזה משום דרכי האמורי — אבל רצון האדם הוא כבודו.

ואני שלמה מצטרף למברכיך — התותך חיים יוסיף לך שנות חיים, בריות גופא ורותא, שתוסיף ביתר שאת לעדור בכרם שפתנו להדרה ולהאדירה.

כחפץ ידידו־אמת **שלמה אוירבך**

---


**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנא־מענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַ־בעט.

---

קומט צו די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

---

### ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן

| | |
|---|---|
| „ווייטשעפל לעבט״ (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) | 10/- |
| „„שיידעוועגן״, אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש | 10/- |
| „ווידערוווקס״, אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל | 12/6 |
| „טעאַטער־קאַראַוואַנען״, פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פּאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט״, שמואל ווהייט | 7/6 |
| יובל־אַלמאַנאַך | 15/- |

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:
LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

---

### „די אידישע שטימע״

די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804.

---

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור


נומער 5 (העפט 320) נײַנצנטער יאָרגאַנג מאַי 1958 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


„נעשה ונשמע״ (קבלת התורה געדאַנקן), צום פלוצלינגען טויט פון בן־א. סאָכאַטשעווסקי ** ...... 1
בן־א. סאָכאַטשעווסקי, פּאָעט ...... 4
בן־א. סאָכאַטשעווסקי ע״ה ...... ש. י. האַרענדאָרף 5
אויף דעם פרישן קבר פון בן־א. סאָכאַטשעווסקי ...... רחל מירסקי 6
דער בלינדער (דערציילונג) ...... בן־א. סאָכאַטשעווסקי 9
און האָסט מיך פאַרטריבן (ליד) ...... ש. זאַלקין 14
שנת העשור (ליד) ...... עלי זילבערג 14
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (4טער קאַפּיטל: די תורה און אירע מפרשים) ...... י. ריכטיקער 15
א שבועות־רייזעלע, נעשה ונשמע, אין 19׳טן אַפּריל, „גאָט פון אברהם, יצחק און פון יעקב״ ...... א. נ. שטענצל 19
יעקב פרידמאַן — א ישראל דיכטער (אַן אינטימער פּאָרטרעט) ...... מלך ראַוויטש 25
ה. ד. נאָמבערג — דער פוילישער ייד (צו זיין דרייסיקסטער יאָרצייט) יהודה ביעטש 27
א חשובער גאַסט פון מדינת ישראל ...... מט. 31
מיניאַטור־צייכענונג פון דוד טושינסקי
לאָנדאָנער קולטור ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ...... 32



**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by A. N. Stencl, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

---

## בן־א. סאַכאַטשעווסקי ע.ה.

דער פלוצלינגער טויט פונם פּאָעט און שרייבער, דעם רעדאַקטער פון דער יידישער שטימע, בן־א. סאַכאַטשעווסקי, האָט געמאַכט אַ שווערן רושם אויף אונזער יידישן ישוב. מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו דער אַלמנה פונם נפטר און די זין מאָריס, דעם באַרימטן לאָנדאָנער מאָלער און צו זיין יינגערן זון אפרים.

**פריינט פון יידיש לשון**
**„לשון און לעבן"**

---

איך דריק אויס מיין טיפן טרויער איבערן טויט פון מיין חבר **בן־א. סאַכאַטשעווסקי**, צו דער פאַמיליע פונם נפטר, און צום רעדאַקציע קאָלעגיום פון דער יידישער שטימע.

**יהודה ביעטש**

מיין טיפן מיטלייד איבער פלוצלינגען טויט פון פריינט **בן־א. סאַכאַטשעווסקי** צו דער פאַמיליע פונם נפטר.

**נעט רובין**

מיט אסך טרויער איז מיין האַרץ, צוליבן טויט פון פּאָעט **בן־א. סאַכאַטשעווסקי**, זאָל זיין נשמה געפינען רו.

**משה דאַמב**

---

### „די אידישע שטימע"

די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפראַך אין דעם לאַנד.

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804

---

צו דער חתונה פון אונזער מיטגליד פרוי **רחל שינדלער** מיט העררן **בענגא פאַגעל** ביידע פון קאַסאָוו (גאַליציען) וואָס איז פאָרגעקומען ל"ג בעומר, אַ האַרציקן מזל טוב.

**דער קאָמיטעט פון פריינט פון יידיש לשון**
**און „לשון און לעבן"**

צו דער התונה פון אונזער לאַנגיעריגער פריינדין **רחל שינדלער** מיט העררן **בענגא פאַגעל**, ווינשן מיר אַ האַרציקן מזל טוב און אַ גליקליך צוזאַמענלעבן.

**מנשה ווייסגראַז און פאַמיליע**

---

**גלות און גאולה** — אַ בוך לידער פון 136 זייטן פון **א. נ. שטענצל**, פרייז 15 שילינג.

---

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 320) ניינצנטער יאָרגאַנג מאַי 1958 לאָנדאָן

## „נעשה ונשמע"

קוים זיינען 15 יאָר אַריבער, ווי די יידן־פראַגע איז מיט איר גאַנצן מידת־הדין אַדורכגעפירט געוואָרן: „כל ישראל יש להם חלק בעולם הבא", יעדער געבוירענער ייד, אָן שום אונטערשיד פון זיין רעליגעז־נאַציאָנאַלער, סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכער און פילאָסאָפישער אָנשויאונג, האָט מען געשיקט אין גאַז־קאַמער, און שוין שטעלט מען די פראַגע אָפיציעל אין מדינת ישראל: „ווער איז אַ ייד"? און אין דער דיאַספּאָרע דיסקוטירט מען שוין אויף אַלע פלאַט־פאָרמעס בעל־פה און בכתב: „וואָס איז אַ ייד"?

אויף דער האַרבער פראַגע, וואָס די שונאי־ישראל פירן זי בליץ־שנעל אַדורך אין דער פינסטערנישט מיט שאַרפע מעסערס, שאַרפן זיך ביי אונז די ליכטיקסטע מוחות שוין מקדמונים אָן: „באה חבקוק והעמידו על אחת צדיק באמונתו יחיה", דער עיקרדיקער יסוד פון יידישקייט איז אמונה; ביי הלל קאָן מען שוין אויך אויסלערנען די גאַנצע תורה אויף איין פיס: „ואהבת לרעך כמוך", און דער רמב"ם, וואָס פילאָזאָפיש איז ער קאַפּאַבל געווען מיטצוגיין מיט זיין שבת־גוי, אַריסטאָטעלעס, אין אַלצדינג, צוקומענדיק צום עיקר־יסוד פון שעפערישן „יש־מאין"* איז ער געבליבן שטיין, נישט אַריבערצושפרינגען.

שוין פרעה מלך מצרים האָט דעם פאַרנעם פון דער דאָזיקער פראַגע באַנומען מיט זיין גויאישן קאָפּ, און אַלע אונזערע ספרים און ביכער, אָנגעהויבן מיט די לוחות, זיינען די טראַקטאַטן זי געטלעך און מענטשלעך צו פאַרענטפערן. אָבער נאָכדעם ווי דער אַקצענט פון דער געטלעכער רעליגיע ליגט שוין ביים קריסטנטום אין דעם מענטשלעכן „ואהבת לרעך כמוך", און „יחוד השם" איז שוין ביי די מאַחמעדאַנער איינס פון זייערע פילאָזאָפישע עקרים, און דאָך האָט מיט 15 יאָר צוריק, אינם הומאַניסטישן־סאָציאַליסטישן 20סטן יאָר־הונדערט געקענט געשען דאָס וואָס ס'איז געשען, אין מיטן פון קריסטלעכן אייראָפּע, כדי צו לעזן די יידן־פראַגע. און דאָס וואָס די אַראַבישע שבטים ווינטשן זיך אַז ס'זאָל געשען כדי זי צו לעזן, איז קלאָר און באַוווסט — איז ממילא גאַנץ נאַטירלעך, אַז די פראַגע, אין איר פּאָזיטיוון זין, בליצט ווידער אויף מיט איר גאַנצער שאַרפקייט, עס גייט אונז אין לעבן זי צו באַנעמען מיט אונזערע קלאָרע מוחות — עס גייט אין אונזער עקסיסטענץ!

קלאָר, נאָכן ריין אָרטאָדאָקסישן דין, וואָס אפילו אַ מומר, אַ משומד, קריגט צוריק דעם גאַנצן סטאַטוס פון אַ מת־מצווה, אויב ער ווערט דערהרגט פון אַ גוי, אָבער ביים לעבן איז „וחי בהם", מוז אַ ייד אָפּהיטן אַלע תרי"ג

מצוות און אפילו אַ „מנהג ישראל תורה הוא“. אָבער צי קאָן ווער זיין חלילה אין ספק, אַז א חלוץ, א מפא״י, א מפ״ם, צי אפילו אַ מק״י, וואָס באַארבעט מיט זיין שווייס און בלוט דאָס הייליקע לאַנד, אַז ער איז נישט קיין ייד?

און צי איז אַ וועלטלעכער ייד, אַ בונדיסט, אַן אַנאַרכיסט, צי אפילו אַ קאָמוניסט, אָדער אַ סתם פרומער אַטעאיסט, וועלכער פילט זיך אַ ייד, בלב ונפש מיט יידן פאַרבונדן, און דאָס יידישע וואָרט איז אים זיס אויף דער צונג, איז נישט קיין ייד?

ווער קאָן דאָס זיין דער פוסק אחרון אין אָט דער פראַגע, אין אונזער עפּאָכע, ווען די כותלי בית המדרש אונזערע זיינען אַזוי איינגעפאַלן, און דער מחלוקה־געשריי „לא בשמים הוא“ קאָן זיך אַ סך גרינגער אַרויסרייסן, און מיט אַ ציניש אונטערטאָן...

ווי געזאָגט קיין פוסק־אחרון קאָן קיינער נישט זיין אין אָט דער פראַגע, אָבער עס ווילט זיך זאָגן, אַז דער סימן־מובהק פון זיין אַ ייד, איז נאָך געקומען פאַר קבלת־התורה, עס איז געווען דער פאַר־באַדינג פאַר דער התגלות פון גאָטס וואָרט, וואָס „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש איז מסיני“ — עס דער אויסגעשריי פון פאָלק גופא: „נעשה ונשמע“!

אַ ייד וואָס זאָגט צי זיך, איך גלויב אין דעם וואָס איך זאָג אַז איך גלויב; איך בין גרייט ביז מסורת נפש עס איבער צוגעבן מיינע קינדער, זיי זאָלנס איבערגעבן קינדס קינדער; נישט בלויז שיין גערעדט, נאָר געזאָגט און געטון — „משה קיבל תורה ומסרה ליהושע“ — די טראַדיציע איז יידיש!

גייט אַ ייד אין שול אַריין נישט „ווייל דאָרטן קען מען דאווענען, לערנען מוז ער“, בלויז ווייל דער שכן, דער גוי גייט אין קירכע אַריין, מוז ער עס נעבעך אויך גיין, איבער חוקת הגוי; מען ווערט א יידישיסט, ווייל מ׳האָט פיינט לשון קודש, העברעאיש; מען ווערט אַ העברעער, כדי לייכטער זיך צו קענען אַסימילירן אָן יידיש; מען ווערט אַ סאָציאַליסט, אַ קאָמוניסט ווייל מ׳האָט פיינט אַ ייד; מ׳קריגט ליב ישראל, ווייל מ׳האָט אַ שנאה צום גלות — אַזעלכע נעגאַטיוון פערוואַנדלען זיך נישט אין ממשות־דיקע ענערגיע, אין ליכטיקייטן.

אָבער אַז דער התלהבותדיקער „נעשה ונשמע“ רייסט זיך ערלעך אַרויס פון האַרצן, אייניקט מען זיך שוין אין רעליגיעזע עקרים, קאָן מען זיך שוין אַרומרייסן אינם עיקר יסוד אויף וועלכן דאָס פאָלק, די מענטשהייט בכלל קאָן בלייבן שטיין — דער סוד און יסוד פון זיין אַ ייד.

* * *

דורות, גאַנצע עפּאָכעס האָט עס געמוזט נעמען ביז דאָס ערשטע געבאָט דער אנכי, און דער לא תעשה לך פסל האָבן זיך אַבסטראַקט אויסגעפאָרמט אין די שאַרפע מוחות פונם יידישן פאָלק; דער ריין גייסטיקער באַגריף צוזאַמען מיטן פאָלק, וואָס האָט אים משיג געווען, האָבן זיך עשר־ספירותדיק געלייטערט אינם פייער־פלאַם פון אייגענער התלהבות ביז עס איז דערגרייכט געוואָרן דער פגימה־לאָזער „שאין לא גוף ודמות הגוף“. אין יעדער עפּאָכע האָט אַ התעוררות פון אַ פרייוויליקן „נעשה ונשמע געמוזט צוערשט קומען, כדי די



גאָט־התגלות זאָל זיך ווידער באַנייען. „קימו וקבלו“ דרשנט די גמרא: נאָך די שווערע המן־צייטן האָבן יידן ערשט מקיים געווען דאָס וואָס זיי האָבן מקבל געווען אויפן באַרג סיני...

שוין דער קליינער צווישן־שפּאַן פון די ערשטע לוחות, וועלכע זיינען געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני בקולות וברקים און זיינען צעבראָכן געוואָרן איבערן מעשה־ עגל און די צווייטע, וועלכע זיינען אַראָפּגענידערט מיט די י״ג מידות של רחמים און זיינען געוואָרן די געאייביקטע מיילן־שטיינער פון דער מענטשלעכער קולטור, דער קליינער צווישן־שפּאַן ווי איז ער שוין דינאַמיש דראַמאַטיזירט מיט געראַנגל פון יידישער גאָט־השגה —

דאָס פאָלק, וואָס אָקאָרשט־אָט האָט עס אויסגעשריגן מיט איין קול דעם „נעשה ונשמע“, איז נאָך איידער דער מחוקק קריצט עס אויס, ברעכט עס דאָס געזעץ. און נישט נאָר דאָס נאַאיווע פאָלק פערלאַנגט אַ פלאַסטישע פסל־געטשקע: „מאַך אונז אַ גאָט וואָס זאָל גיין פאַר אונז“, נאָר צומאָל משה, וועלכער פירט אויס איבער זיין מיט מסורת־נפש געליבט פאָלק דעם מידת־הדינדיגן מאַסן־מאָרד־משפט, פירט שפּעטער מיט גאָט אַ נישט ווייניגער פלאַסטישע קאָנווערזאַציע.

און אין אָט דעם איבערמענטשלעכן געראַנגל פון אַ פאָלקס־פירער און אַ וועלט־רעליגיע באַגרינדער, וואָס דערגייט, אין זיין ליבשאַפט צום פאָלק, ביז צום: „ואם אין מחני נא! מעק מיך אויס פון דיין ספר“, פערלאַנג ער אויך פון גאָט דאָס איבערגעטלעכע: „לאָז מיך זען דיין פראַכט, איך בעט דיך“.

אפנים, אַז דער איש משה, וועלכער האָט גערעדט פנים אל פנים מיט גאָט כדבר איש אל רעהו, וויל טאַקע ממש זען גאָטס פנים כדי זיך אויף זיכער צו איבערצייגן, אַז ער האָט גאָטס גרימצאָרן מפייס געווען, איבער די זינד וואָס דאָס פאָלק איז באַגאַנגען: „און אַצינד אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפינען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, לאָז מיך וויסן, איך בעט דיך, דיינע וועגן, אַז איך זאָל דיך קענען, כדי איך זאָל געפינען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, און זע אַז דאָס דאָזיקע פאָלק איז דאָך דיין פאָלק“.

און צי קען מען דען נישט אַריינטייטשן און מעטאַפאָריש אַריינלערנען אינם סוף פסוק פון גאָטס־ענטפער די גאַנצע מיטלאַרטערלעכע פילאָזאָפיע, אַז גאָט קאָן מען נאָר מענטשלעך באַגרייפן אין זיינע „שלילות“, „וראיתי את אחרי ופני לא יראו“?

און אין אָט דעם געוואַלטיקן געראַנגל איז דער אב הנביאים, משה רבינו משיג די אַבסטראַקטע גאָט־אַטריבוטן. די י״ג מדות פעראייגט אין אבסאָלוטן אחד הערט אויף יעדע צופעליקייט און גורלדיקייט. אַז מידות ווערן אויסגעוויגן אין א פניותלאָזער איינהייט, איז „חסד ואמת נפגשו“*.

אַז מען הייבט אָן צו באַטראַכטן דעם באַגריף „מה לפנים ומה לאחור“, באַגעגענען זיך די געאָמעטריש־מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען פון אַ שפּינאָזען מיט די גמטריאות און צירופים פון די בעלי קבלה. און צו דער יחוד האנושי צו דער סאָציאַלער איינהיינט, וועט די מענטשהייט זיכער פריער נישט דערגרייכן,

ביז זי ווערט דערגיין צו אָט דער אַבסטראַקטקייט פון מידות: „מה הוא רחום אף אתה רחום”. דער אמת־זוכער ווערט אַ קנאי, אַ טיראַן, אויב ער טראָגט נישט אין זיך די מידה פון דערבאַרמונג; און אומגעקערט, ווען דער סענטימענטאַלער חסד איז אָן אמתן משפט: „ודל לא תהדר בריבו” — מאַך נישט שענער דעם אָרעמען ווי ער איז... יאָ, פונם „מי כמוך באלים ד׳” איז אַ שפרונג אויף איין פוס צום „ואהבת לרעך כמוך”.

די י״ג מדות של רחמים זיינען נישט קיין פילאָזאָפישע חקירות, משיג צו זיין גאָט מיט נעגאַטיווע שלילות — עס איז די התגלות פון מבשרי אחזה אלוקים* ווי זי האָט דערגאַנגען מיט זיין אינטואיציע דער נעים זמירות ישראל; ווי שפּעטער ביים בעל שם, ביים בערדיטשעווער, ביים חוזה, עס הערן אויף די פרעמד־ווערטער „מאַנאָטעאיזם”, „פּאַנטעאיזם”, זיי ריידן ווידער צו גאָט פנים אל פנים ווי צו אַ טאַטן, ווי צו אַ גוטער מאַמען. זיי האָבן אין דער פינסטערניש פון גלות ווידער באַקומען די גרויסע התגלות דורך זייערע מסירת־נפשדיקר ליבע צום פאָלק און זייער ממש חושימדיקע תשוקה־געראַנגל גאָט משיג זיין.

אַז מען קומט צו אין פניהלאָזער פנימיות צו די י״ג מידות, קאָן מען אַ דין תורה האַלטן מיט גאָט — אַז דער נעשה ונשמע איז עכט און ערלעך קאָן מען זיך נישט נאָר צווישן זיך אַרומרייסן מיט עיקר יסוד פון יידישקייט, נאָר מיט כביכל אַליין — — און גאָט פרייט זיך: „נצחוני בני”.



## צום פלוצלינגען טויט
## פון בן-א. סאַכאַטשעווסקי

אָדער דאָס פינפטע ראָד פונם וואָגן
אָדער צעריבן אונטער די רעדער,
איז דער גורל פון יידישן ליד דאָ;
דאָס הארץ — אָדער צעבראַכן די פעדער!

אַז דאָס טינטארן גאַנץ אויסגעליידיקט,
טיף אין הארץ די פעדער איינגעטונקען;
איין ליד זיס זאָל ווערן אויף די ליפּן,
ביטערסטן כוס ביז דנאָ אויסגעטרונקן.

ביז צו זיינע לעצטע מידע רגעס,
האָט ער דאָ זיינע לידער געשריבן;
איינגעשפּאַנט אין יאָך אונטער די רעדער
מיט צעבראַכן הארץ ליגן געבליבן.



## ש. י. הארענדארף
## בן-א. סאַכאַטשעווסקי, ע״ה

א הויכער, איבערגעבויגן איבער א קאַרעקטור־בויגן, האָב איך געטראָפן בן־א. סאַכאַטשעווסקי, זיצן ביי א טשיל אין רעדאַקציע „די צייט”.

דאָס איז געווען אין די סוף־טעג פון חודש אויגוסט, 1939, ווען איך בין א געראַטעוועטער פון די נאַציישע נעגל אין פּראָג, אנגעקומען קיין לאָנדאָן און געגאַנגען אין רעדאַקציע זיך באַקענען מיט די מיטאַרבעטער פון דער צייטונג.

שלום־עליכם, חבר — האָט סאַכאַטשעווסקי מיך באַגריסט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, הגם מיר האָבן זיך געזען צום ערשטן מאָל, און מיר אויסגעשטרעקט די האַנט. ער האָט געוואָלט מפסיק זיין פון דער אַרבעט, כדי מיט מיר צו האָבן א שמועס און אַנצושרייבן א נאָטיצל וועגן מיין ווייניקייט.

„די קאָרעקטור! — האָט דער זעצער אַרויפגעשריען אין רעדאַקציע־צימערל, וואָס האָט זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק. — באַלעמוטשעט ניט, עס ווערט שפּעט!

סאַכאַטשעווסקי האָט פאַר מיר זיך אַנטשולדיקט, באַשר ער קאָן מיט מיר ניט האָבן דעם באַגערטן שמועס, ווייל „דער גזלן”, דער זעצער הייסט עס, וואַרט אויף דער קאָרעקטור. ער האָט מיט מיר זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אין „קאַפע לייאָנס”, אויף ווייטשעפּל רויד, וואָס איז אין יענער צייט געווען די ליטעראַרישע קיביצאַרניע פון מאַריס מייער, ע״ה, פאַר די מיטאַרבעטער פון „די צייט” און פאַר דער יידישער שרייבער־משפחה אין לאָנדאָן.

סאַכאַטשעווסקי איז געקומען צו דער אָפּגערעדטער צייט און מיר האָבן זיך אַוועק געזעצט ביי א זייטיק טישל.

נאָך די ערשטע מינוטן פון אונדזער באַקאַנטשאַפט, האָט סאַכאַטשעווסקי מיך אָנגעהויבן צו וואָרענען, — ער האָט דאָס געמיינט ערנסט און אויפריכטיק, זאָגנדיק:

— אַנטלויפט פון דאַנען! — איר וועט דאָ אומקומען, פיזיש און גייסטיק! — אַנטלויפט פון דער שרייבערישער פּראָפעסיע... נעמט זיך צו „ביזנעס”, ווערט א גאַסן־קערער, טוט וואָס איר קאָנט, אַבי ניט אָפּצובידעווען די שענסטע טעג און די יאָרן פון דעם קורצן, געשענקטן לעבן, ביי אָט דער שרייבערישער מלאכה, ווו מען הונגערט!

מיט דער וואָרענונג, וואָס איז געווען געוואַנדן צו מיר, ווי א „גרינער”, האָט סאַכאַטשעווסקי געמיינט זיך גופא...

---

אין עטלעכע וואָכן שפּעטער, ווען עס האָט שוין געבושעוועט די נאַצי־מלחמה, האָב איך סאַכאַטשעווסקין באַגעגנט אויף ווייטשעפּל רויד, מיט א מיליטערישער קאַסקע אויפן קאָפּ. לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז ער איז געוואָרן א בעל־מלחמה, כדי צו אַנטלויפן פון זיין שרייבערישער מלאכה, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק געליבט און גלייכצייטיק מוראַדיק געהאַסט, צו־

ליב זיין ביטערער עקאנאמישער דאַליע. אבער סאכאטשעווסקי האט מיט א נצחונדיקן שמייכל אויסגעדרוקט זיין צופרידנקייט, וואס ער האט „געפּטרט די זשורנאַליסטישע, קאטאָרזשנע ארבעט" און ער איז געווארן א פראפעסיאנעלער „פייער־וואָטשער", כדי צו באשירמען און צו לעשן די שריפות פון די ווייטשעפּלער הייזער, וואס זענען באהאַגלט געווארן מיט די נאַצישע באָמבעס איבער לאנדאן.

אבער סאכאטשעווסקי האט לאנג ניט אויסגעהאלטן ביי דער פייערלעשערישער „פּראָפעסיע". עס האט אים געצויגן, ווי מיט א מאַגנעט, צו זיין שרייבערישן עמוד אין רעדאקציע „די צייט", מיט וועמענס ארבעט ער האט זיך מתחתן געווען אין משך פון די 37 יאר, זינט די צייטונג האט עקזיסטירט.

סאכאטשעווסקי האט שטארק ליב געהאט די שרייבערישע מלאכה, וואס האט אין משך פון די יארן, זיך ווי פארפלייצט מיט זיין לעבן און איז געווארן א טייל פון זיין „איך". ער איז געווען רעפּאָרטער, קאָרעקטאָר, פּובליציסט, זשורנאַליסט און געטאן אלע אנדערע „שווארצע ארבעטן" אין דער רעדאקציע. אבער די פּאָעזיע, די שטילע צארטע לידער זיינע, וואס האבן געאָטעמט מיט עלעגישער נאָסטאַלגיע, איז געווען דער עיקר פון זיין שאַפן.

סאכאטשעווסקי איז, ווי א צוגאב צו זיינע זשורנאַליסטישע ארבעטן אויף די פארשיידנסטע געביטן, קודם־כל געווען א פּאָעט, וואס ער האט באטראכט ווי די קרוין פון זיין שאַפן. בעת די טאג־טעגלעכע, גשמיותדיקע זשורנאַליסטישע ארבעטן, זענען ביי אים געווען ווי א נעבן־זאך, אבער א הארטער מוז, ווי א פּועל־יוצא פון די אומשטענדן, מיט וועלכע ער האט ניט געלעבט בשלום.

סאכאטשעווסקי איז געווען א אומצופרידענער, א פארביטערטער. אבער ער האט זיין אומצופרידנקייט קיינמאל ניט געלאָזט רעוואָלטירן אין דער עפנטלעכקייט, און זי געטראגן פארבארגן אין זיך, ווי א פּריוואטן אייגנטום...

---

מיטן פּלוצימדיקן טויט פון בן־א. סאכאטשעווסקי, איז ארויסגעריסן געווארן אן אייגנארטיקער ווארצל פון אונדזער יידישן לעבן אין ווייטשעפּל, און פון דעם יידישן לאנדאן, בפרט. סאכאטשעווסקי איז געווען א טייל פון אט דעם דאזיקן לאנדאנער יידישן לעבן, וואס ווערט אָרעמער און אייגנגעשרומפּענער, פון טאג צו טאג. ער איז געווען א אומקאָמפּראָמיסלאָזער, קנאַי׳דיקער מליץ־יושר פארן יידישן לשון און פון אלץ, וואס איז יידיש. ער איז געווען א קעמפער קעגן דעם אזויגערופענער „מהיכי־תיתי יידישקייט", וואס האט דא זיך דערקייקלט ביז צו דעם טיפסן אפּגרונד פון דער נבזהדיקער שמענדריקאסימילאציע. ער האט קריטיקירט און אטאקירט די דזשידאיסטישע „קעקעלע קהל „פארזארגער" אין דער באארד אוו דעפּיוטיס, צוליב זייער נאָטאָרישער שנאה צום יידישן לשון און צו אלץ, וואס איז יידיש.

זאל אים, דעם אייביק אומצופרידענעם, פון לעבן ניט געזעטיקטן נפטר נאכגעזאגט ווערן דער פארדינטער שבח, אז א דאנק אים איז אנטשטאנען די



איינציקע, אין מלכות ענגלאנד, עקזיסטירנדיקע וואכנצייטונג „די יידישע שטימע". ער האט מיט 7 יאר צוריק געגרינדעט די דאזיקע וואכנצייטונג, אָן געלט — אבער באלאָדן מיט א גליענדיקן גלויבן, אז די יידן אין ענגלאנד דארפן און זיי מוזן האבן א יידישע צייטונג, כאטש איינמאל אין דער וואך.

לאמיר האפן, אז די דאזיקע ירושה וועט אפּגעהיטן ווערן מצד די, וואס שטייען איצט בראש פון דער צייטונג.

דאס וועט זיין דער ווירדיקסטער זכר נאך בן־א. סאכאטשעווסקי, וועלכער האט א קנאפּן האלבן יארהונדערט פון זיין 70 יאריקן לעבן מקריב געווען אויפן מזבח פון אהבת יידיש אין לאנדאן.

## רחל מירסקי

## אויף דעם פרישן קבר פון בן. א. סאכאטשעווסקי

איך קוק אויפן בילד אין דער „יידישער שטימע" פון ב. א. סאכאטשעווסקי, ע״ה, געצייכנט פון זיין זון מארי סאכאטשעווסקי, און עס גלייבט זיך עפּעס נישט, אז די פּערזענלעכקייט מיט אט דעם קאנצענטרירטן אויסדרוק אין דעם אינטעליגענטן פּנים און אראפּגעלאזענע אויגן אויפן פּאפּיר, אויף וועלכן ער שרייבט, איז מער נישטא מיט אונז.

ווען כ׳האב דערהערט די נייעס וועגן זיין טראגישן טויט, בין איך צעטומלט געווארן. כ׳האב געוואוסט, אז ער איז קראנק; האב געוואוסט, אז ער אליין גלויבט, אז זיין לעבן וועט זיך באלד ענדיקן. איך האב אבער נישט געגלייבט אין וואס ער האט געזאגט וועגן זיך אליין. האב געטראכט, אז ווען א מענטש איז פארביטערט, רעדט ער אמאל אויס ווערטער, וואס מען דארפט נישט. ליידער האט סאכאטשעווסקי געוואוסט וואס ער רעדט וועגן זיך...

פּערזענלעך האב איך מיט דעם אפּשטארבן פון בן. א. סאכאטשעווסקי פארלוירן א הארציקן, ליבן פריינט.

באקענט מיט סאכאטשעווסקין האב איך מיך מיט פיר און דרייסיק יאר צוריק, באלד נאך מיין קומען קיין לאנדאן. דאס איז געווען אין א רעסטאראן אין ווייטשעפּל. כ׳בין אריינגעגאנגען טרינקען קאווע מיט מיינער א מומע. נישט ווייט פון אונז, ביי א צווייט טישל איז געזעסן בן. א. סאכאטשעווסקי און עפּעס געשריבן. איך האב אים באמערקט מיט זיין אָפן פּנים און גאלדבלאנדע האר.

פּלוצלונג איז ער אויפגעשטאנען פון זיין ארט און זיך צוגעזעצט צום טישל, וואו מיין מומע און איך בין געזעסן. איך האב א טראכט געגעבן, אז דער דאזיקער מאן מוז זיין איינער, וואס שרייבט אין א צייטונג. ר׳האט מסתמא געהערט ווי מיר רעדן וועגן דייטשלאנד, פון וואנען איך בין נאר וואס געקומען. מיט א שמייכל זאגט ער:

— איך האב באטראכט אייערע פנימער פונדערווייטנס, און איך וויל אייך זאגן, אז אזעלכע יידישע פנימער און אויגן דארפן געמאלן ווערן!

איך האב אים געדאנקט פארן קאמפלימענט. דערפון האט זיך פארבונדן א שמועס, און פון דעמאלט אן זענען מיר געווען פריינט, תמיד האבנדיק עפעס וועגן וואס צו שמועסן. און איך בין תמיד געווען שטאלץ מיט דער פריינטשאפט.

איך האב בן. א. סאכאטשעווסקין געזעען אין אסך פארשיידענע צייטן במשך פון אט די פיר און דרייסיק יאר פון מיין זיין אין לאנדאן: — א מענטש מיט א צארטער, פילנדיקער נשמה, וואס תמיד איז ער אויפמערקזאם צו יעדן איינעם, מיט וועמען ער קומט אין בארירונג. דאך פלעגט זיך ביי אים אמאל ארויסכאפן עפעס, וואס האט נישט געדארפט געזאגט ווערן... (און ווער טוט דאס נישט?!)

ער האט אבער קיינמאל נישט געהאט קיין שלעכטע כוונות הערביי, נאר איז תמיד פארבליבן א גוטער פריינט. תמיד געהאט א גוט ווארט פאר מענטשן. ער האט אויך ליב געהאט צו געבן אין אייניקע ווערטער א פארטרעט, א כאראקטעריזירונג פון א מענטש; און אדאנק דעם זענען גאר א גרויסע צאל פון יידישן עולם דא פאראייביקט געווארן אין זיינע שריפטן.

סאכאטשעווסקי האט זער ווייניק גוטס געזאסן אין זיין לעבן. זיין דערלייזונג איז נאר געווען ווען ער איז געזעסן ביים שרייבטיש. אט איז וואס ער זאגט אין א ליד, געשריבן אין יאר 1938 (מיר ברענגען דאס אין גאנצן):

• • •

„ווען איך האב דורך די גאסן פון דער שטאט געוואנדערט,
„האב איך געפילט ווי איינזאם, גאט, איך בין:
„א מענטש געעלטערט און א פרעמדער אין דעם נייעם לעבן,
„וואס שלעפט זיך אום אין עלנטקייט און ווייסט נישט וואוהין.

„נאר בלויז אין אוונט ביי דיין ספר פון שטענדיקן געבוירן
„פארגעס איך אפט מיין יאוש און מיין פיין,
„ווייל ווען איך בין מיט דיר און קוק מיך צו צו דיינע גרויסע מעשים,
„ווייס איך, אז אין עלנטקייט בין איך נישט מער אליין.

## רעדאקציע נאטיץ

אין נעקסטן נומער „לשון און לעבן" וועט געדרוקט ווערן א גרעסערע אפהאנדלונג פון מ. בעקערמאן, געווידמעט דעם אנדיינק פון בן־א. סאכאטשעווסקי אונטערן נאמען: „יידישע זשורנאליסטיק אין לאנדאן 1913־14". עס וועט ארומנעמען א צייטאפשניט פון דער יידישער פרעסע אין ענגלאנד, ווען די פארטיי־ארגאנען זיינען פערוואנדלט געווארן אין צייטונגען.



בן־א. סאכאטשעווסקי

## דער בלינדער

דאס איז געווען א מאן פון לערך א יאר פינף און זעכציק, אדער עפעס מער פון דעם. זיין אויסגעפילט רואיק פנים איז שטענדיק געווען ריין און גלאטיק ראזירט, און עס האט פון דארט אפגעשלאגן א מאדנע זאטע ווייסקייט. בלויז פון אונטער זיין הארטן קאפעלוש האבן זיך ארויסגעזען שיטערע זילבערגרויע האר און דאס האט צוגעגעבן א געוויסע באדייטונג, ניט בלויז צו זיינע יארן, נאר אויך צו דער סביבה אין וועלכער ער האט זיך געפונען, און צו דער שטילקייט, וואס האט געהערשט ארום אים.

געזעסן איז ער תמיד אויף א פוס־בענקעלע אין דעם זעלבן פלאץ, וואס איז געלעגן אין דעם דורכגאנג פון דעם קליינעם קירכן בית־עולם'ל. אויף זיינע קני איז געלעגן אן אפענע ביבעל. און דערפאר וואס ער איז געווען א בלינדער, האט ער געלעזן די הייליקע שריפטן טאפענדיק מיט זיינע פינגער איבער די שטארק ארויסגעדריקטע אותיות.

דורך א צופאל האב איך זיך דערוווסט אז זיין נאמען איז מר. טאם. דאס איז געווען דעמאלט ווען א קינד האט אים עפעס געבראכט פון דער היים איבערצובייסן און בעת מעשה אים אנגערופן זיידע טאם. דאס דאזיקע קינד האט דער אלטער צערטליך געגלעט איבער'ן קעפל און איך האב דערביי באמערקט ווי זיינע ליפן האבן עפעס אין דער שטיל געצוקט.

פארוואס טאם האט זיך דוקא אוועקגעזעצט אין דעם דורכגאנג פון בית עולם, נעבן די קברים, איז פאר מיר אויך קיין סוד ניט געווען. זיין כונה איז אפשר געווען אויף אזא אופן ארויסצורופן מער סימפאטיע צווישן די דורכגייער, אז זיי זאלן ארייננווארפן א קופערנע מטבע אין דעם קליינעם בלעכענעם טעפל, וואס איז געהאנגען איבער זיין ברוסט. כדי ער זאל ניט אויסזען סתם ווי א בעטלער, האט ער נעבן זיך אויך געהאלטן שיך־בענדלעך און שוועבעלעך. זער זעלטן האט אבער אימיצער ביי אים גענומען די סחורה. ווען איינער פון די פארבייגייער האט אין זיין טעפעלע אריינגעווארפן א מטבע, און עס האט זיך דערהערט א קלאנג פון קופער און בלעך, האט טאם א מורמעל געטון א ברכה און א פריינטליכן „איך דאנק אייך". גלייך דערנאך פלעגט ער די מטבע ארויסנעמען פון טעפל און זי זארגפעלטיק אראפלאזן אין זיין קעשענע.

אין אנפאנג איז דאס אלעס פאר מיר געווען א זעלבסטפארשטענדליכע זאך, וואס האט מיך באזונדערס ניט איבעריק אינטערעסירט. ווי נאר אבער מיר איז שוין אויסגעקומען יעדן אין דער פרי און יעד פארנאכט דורכצוגיין דעם זעלבן וועג, איז מיין אויפמערקזאמקייט ניט ווילענדיק צוגעצויגן געווארן צו דעם בלינדן. נאך גרעסער איז געווארן מיין אינטערעס ווען איך האב אים דאס ערשטע מאל געהערט פייפן. אין זיין שטיל פייפן איז עפעס געלעגן באהאלטן אזא מין טרויער, וואס האט דערמאנט אי אין טויט, און אי אין א מענטש, וואס זעט ניט ווי אזוי די זון גייט אויף און אונטער, און זיין גאנץ לעבן טראגט ער

זיך אַרום אין אַ פינסטערן קאָרידאָר, און ער ווייסט קיינמאָל ניט צי עס איז טאָג אָדער עס איז נאַכט.

אַ סך מאָל, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון דער אַרבייט און די שאָטענס פון בין השמשות האָבן זיך צושפּרייט איבער דעם קליינעם קירכן־בית־עולם׳ל, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט ווי ניט דער בלינדער טאָם וואָלט דאָס אַזוי געפּיפן, נאָר ווי די שטילע טרויעריקע טענער וואָלטן זיך פון אונטער די קברים אַרויסגעריסן, און פול געמאַכט דעם חלל צווישן טאָג און נאַכט מיט דעם געזאַנג פון טויט. אפילו דאַמאָלט, ווען איך בין שוין געלעגן אין בעט האָב איך דעם טרויעריקן מאָנאָטאָנעם ניגון נאָך אַלץ געהערט און מיר האָט געשיינט ווי ווייטע דערשטיקטע קולות וואָלטן דאָס צו מיר אַזוי גערופן און געוועקט דאָס געפיל פון רחמנות צו אַ מענטש וואָס זעט קיין שום זאַך ניט, וואָס אַרום אים קומט פאָר.

אויף צומאָרגענס ווי נאָר איך בין דעם בלינדן ווידער דורכגעגאַנגען, האָב איך אים די ערשטע מטבע אַרײַנגעוואָרפן אין בלעכענעם טעפּל. אויך צו מיר האָבן זײַנע ליפּן אַ ציטער געטון דעם שוין באַקאַנטן פאַר מיר „איך דאַנק אייך, הערר״. זינט יענעם טאָג האָב איך שוין ניט פאַרפעלט מײַן נדבה אים צו שענקן. פאַרקערט, דאָס איז פאַר מיר שוין געוואָרן אַ געוווינהייט, און כאָטש איך האָב מיט אים קיינמאָל קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, איז ער אָבער מיר שוין געוואָרן זער גוט באַקאַנט און איך האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז ווען איך וואָלט אים אַמאָל ניט געטראָפן אויף דעם זעלבן פּלאַץ ווי געווענליך, וואָלט ער מיר שוין געפעלט.

עס האָט אָבער אַזוי געטראָפן, אַז ווען איך בין אין אַ געוויסן טאָג דורכגעגאַנגען, האָב איך דעם אַלטן דאָרט ניט געזען. די מטבע וואָס איך האָב שוין געהאַלטן אָנגעגרייט אין האַנט, האָב איך געמוזט צוריקלייגן אין דער קעשענע. אין אָנהויב האָב איך אפילו געמיינט אַז דער בלינדער האָט זיך איבערגעזעצט אויף אַן אַנדערן פּלאַץ. איך האָב אים דעריבער אַרומגעזוכט נאָר ער איז אין ערגעץ ניט געווען.

דעם גאַנצן טאָג האָב איך שוין ניט געקענט איינרוען און זאָגאָר בײַנאַכט, ווען איך בין שוין געלעגן אין בעט, האָב איך פאַר קיין רגע ניט געקענט אויפהערן טראַכטן וועגן אים. פאַרשידענע שלעכטע געדאַנקען זענען מיר געקומען אין קאָפּ אַרײַן. איך האָב זיך אַליין געפרעגט אויב עס איז ניט מעגליך אַז דער אַלטער זאָל פּלוצלינג האָבן קראַנק געוואָרן און זיך אָפּגעטראָגן צו דער וועלט פון אמת׳ער און אייביקער בלינדקייט. אפשר גאָר איז ער שוין געפאַלען צו לאַסט זײַנע קינדער און מען האָט אים אַוועקגעפירט אין דער היים פאַר אַלטע, שוואַכע און בלינדע לייט. דערפאַר איז אָבער מײַן פרייד געווען אַן אויסערגעוויינלעכע ווען איך האָב אים אויף צומאָרגענס ווידער געטראָפן זיצן אין דעם זעלבן פּלאַץ ווי תמיד. ווי נאָר כ׳האָב אים דערזען פון ווייטן בין איך מיט שמחה צו אים צוגעלאָפן. איך האָב געזאָגט אַז איך וועל אים הײַנט געבן אַ דאָפּעלטע נדבה ווײַל איך בין אים נאָך שולדיק זײַן חוב



פון נעכטן. איך האָב אים אויך געפרעגט וואָס מיט אים איז געשען און אויב ער איז חלילה ניט געווען ביים בעסטן געזונט.

איך האָב באַמערקט ווי אויף זײַן בלאַסן פּנים האָט אַ שמייכל אַ שוועב געטון. ער האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר׳ן האַנט און זיך שוין מער ניט באַנוגענט מיט זײַן געווענליכן „איך דאַנק אייך, הערר״. פאַרקערט, איך האָב מיט ערשטוינען דערזען ווי זײַנע בלינדע אָפענע אויגן האָבן זיך ווי אַ ריר געטון און צוויי טרערן האָבן זיך דאָרט באַוויזן.

די האַנט האָט ער מיר אָבער אַלץ ניט געוואָלט אָפּלאָזן. איך האָב געזען ווי ער וויל עפּעס רעדן נאָך ער קען ניט. ער האָט זיך אָבער באַלד באַרואיקט, און נאָכדעם ווי ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט נעכטן אַ גאַנצן טאָג געמוזט ליגן אין בעט, ווײַל די אַלטע ביינער האָבן אים ווי געטון, האָט ער מיך געפרעגט ווי איך הייס. צו וואָס ער דאַרף האָבן מײַן נאָמען האָב איך ניט געוווסט, און דאָך האָב איך אים גלייך געזאָגט אַז מײַן ערשטער נאָמען איז מאַקס. ער האָט מײַן נאָמען אייניגע מאָל ווידערהאָלט, מיר געדאַנקט און איך בין אַוועק מײַן וועג.

דעם זעלבן פאַרנאַכט, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון דער אַרבייט, האָב איך זיך ווידער דערנענטערט צום בלינדן. איך האָב אים קיין וואָרט ניט געזאָגט. איך האָב בלויז געוואָלט אַרײַנוואַרפן מײַן קליינע מטבע און ווייטער גיין מײַן וועג. איך האָב אָבער געזען ווי דער בלינדער האָט געטאַפּט מיט די הענט אַרום זיך, מיך געוואָלט אָנרירן און צו מײַן ערשטוינען האָב איך געהערט ווי ער האָט פריילעך אַ רוף געטון:

— גוטן אָוונט, מר. מאַקס!

אין אָנפאַנג בין איך אינגאַנצן צוטומעלט געוואָרן. עס איז מיר אַרײַן אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז דער אַלטער איז גאָרניט קיין בלינדער און אַז ער מאַכט זיך נאָר אַזוי. דעם בעסטן באַווייז האָב איך געהאַט אין דעם וואָס ער האָט מיך דערקענט, כאָטש איך האָב צו אים קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

— פאַרוואָס שווייגט איר? — האָט דער בלינדער מיך ניט געלאָזט טראַכטן — זענט איר דען ניט מר. מאַקס?

— יאָ, יאָ, געוויס! — האָב איך געשטאַמעלט — גוטן אָוונט, זיידע טאָם.

— איר זעט, איר זעט, מר. מאַקס, אַז איך האָב אייך גלייך דערקענט — האָט דער אַלטער ווייטער געזאָגט — איך האָב אייך שוין לאַנג געקענט, נאָך איך האָב בלויז אייער נאָמען ניט געוווסט.

אויף מײַן נײַגעריקע פראַגע ווי אַזוי דאָס איז מעגליך, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער זעט טאַקע ניט, נאָר דערפאַר איז זײַן חוש השמיעה אַ זער שטאַרקער. בלינדע זעען מיט די אויערן. ווי נאָר ער הערט די טריט פון אָפּטע דורכגייער, ווייסט ער שוין ווער זיי זענען. יעדער איינער האָט אַן אַנדערן גאַנג און יעדער קלאַנג פון די טריט איז אַנדערש. לויט די טריט פון מענטשן ווייסט ער אויך ווער עס איז אַ גוטער און ווער עס איז אַ שלעכטער. אַ סך מאָל הערט ער ווי נעבן אים גייען פאַרביי מענטשן, וואָס גיבן אים

טאַקע ניט קיין נדבה, און דאָס איז בלויז דערפֿאַר וואָס זיי האָבן ניט קיין קליין געלט. אַנדערע ווידער זענען אַליין צו אָרים און טייל ווידער שלאָגן זיך מיט הער דעה, זיי ווילן יאָ געבן און זיי געבן גאָרניט. דערפֿאַר פֿאַרדריסט זיי שפּעטער, און עס איז אַ פֿאַקט אַז די זעלבע מענטשן וועלן חרטה האָבן און דער סוף וועט זיין, אַז ווען זיי וועלן ווידער פֿאַרבייגיין וועלן זיי אים שוין דערפֿאַר דאָפּעלט באַלוינען. די זעלבע מיינונג האָט ער אויך געהאַט וועגן מיר, ווען ער האָט די ערשטע פֿאַר מאָל געהערט מיינע טריט, און איך האָב אים גאָרניט געשאָנקען.

— טאָ ווי אַזוי דערקענט איר אין די טריט פֿון מענטשן ווער עס איז אַ גוטער, אָדער אַ שלעכטער? — איז מיין נייגעריקייט נאָך מער געוואַקסן — לויט׳ן אויסדרוק פֿון פּנים קען אַמאָל דערקענען אַ מענטש, אָבער ניט דורך זיינע טריט.

דער בלינדער האָט אַ שמייכל געטון און ער האָט מיר געענטפֿערט, אַז דאָס איז שוין דווקא גאָרניט אַזאַ שווערע זאַך. יעדעס מאָל ווען אַ גוטער מענטש גייט נעבן אים פֿאַרביי מוזן זיינע טריט זיך ענדערן, ווערן לאַנגזאַמער. און ביי אַ שלעכטן ביין מענטש איז פּונקט פֿאַרקערט. ער וועט אָנקומען לאַנגזאַמער און ווי נאָר ער דערנענטערט זיך צו אים ווערען זיינע טריט שנעלער און האַסטיקער.

זינט יענעם געשפּרעך מיט דעם בלינדן זענען מיר שוין זער גוט באַקאַנט געוואָרן איינער מיט׳ן צווייטן. יעדעס מאָל נאָך איידער איך בין נאָך צו אים צוגעקומען האָט ער מיך שוין פֿון דערווייטן באַגריסט און מיך ביים נאָמען אָנגערופֿן.

וועגן זיין לעבן האָב איך שוין אַלעס געוווסט. ער וווינט ביי זיין עלטסטן זון אין הויז און די קינדער און אייניקלעך האָבן אים שטאַרק ליב און האָבן פֿאַר אים אויך דרך ארץ. די קינדער וואָלטן אים זיכער דאָ ניט געלאָזן זיצן, איז אָבער די צייט אַ שלעכטע און לעבן אויף דעם חשבון פֿון די קינדער וויל ער בשום אופֿן ניט.

מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך זיך פֿון יענעם געגעגנט אינגאַנצן אַרויסגעצויגן און מיר איז שוין מער ניט אויסגעקומען דורכצוגיין אין דעם קירכן־בית־עולם׳ל. בלויז אין אַ נאָכמיטאָק ווען איך בין געווען פֿריי פֿון דער אַרבייט פֿלעג איך זיך נאָך אַמאָל אַראָפּכאַפּן צו דעם זיידע טאָם. דאָס איז נאָך געווען זומער צייט. ווינטער איז דאָס מיר אָבער שווער אָנגעקומען און פֿיל מאָל ווען איך האָב זיך יאָ שוין אַראָפּגעכאַפּט האָב איך דעם אַלטן ניט אַלע מאָל געטראָפֿן אויף זיין געוועגליכן פּלאַץ. ערשט דאַמאָלט ווען דער פֿרילינג איז ווידער אָנגעקומען, די זון האָט אירע וואַרימע שטראַלן צו דער ערד געשיקט, האָב איך אין אַ שבת׳דיקן נאָכמיטאָק גענומען מיינע קינדער און צוזאַמען מיט זיי בין איך אַוועק זען דעם זיידע טאָם. איך האָב אים אָבער דאָרט מער ניט געטראָפֿן. זיין פּלאַץ איז געווען פּוסט און ליידיק. בלויז אַ קעצל האָט זיך דאָרט געוואַרימט אונטער דער זון. וועמען צו פֿרעגן אויף דעם אַלטן האָב איך ניט



געהאַט און איך האָב זיך אַן ענטוישטער פֿון דאָרט אומגעקערט. אַהיים.

איך האָב דעם אַלטן אָבער בשום; אופֿן ניט געקענט פֿאַרגעסן. אין יעדע פֿרייע צייט האָב איך זיך אַראָפּגעכאַפּט צו דעם בית־עולם׳ל. צום סוף איז מיר געלונגען אַנצוטרעפֿן זיין אייניקל, וואָס פֿלעגט אים אַמאָל ברענגען עסן. איך האָב זיך דערפֿרייט. איך האָב דאָס קינד אָנגענומען פֿאַר׳ן הענטל און זי געפֿרעגט פֿאַרוואָס זיידע טאָם זיצט שוין מער ניט אין קירכן־בית־עולם׳ל. אפֿשר האָט מען אים אַוועקגענומען אין דער היים פֿאַר אַלטע לייט?

דאָס מיידעלע האָט מיך נייגעריק אָנגעקוקט מיט אירע קליינע בלויע אויגעלעך. ניין, דער זיידע טאָם איז ניט אין קיין היים פֿאַר אַלטע לייט. ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן.

אַ שאָד אז מיר געווען דער אַלטער טאָם, און ער האָט מיר געפֿעלט נאָך מער דאַמאָלט, ווען מיר איז ווידער יעדן טאָג אויסגעקומען דורכצוגיין דאָס קירכן־בית־עולם׳ל. זיין פּלאַץ איז געווען פּוסט. קיינער האָט זיין אָרט ניט פֿאַרנומען.

אין די שטילע פֿאַרנאַכטן ווען איך האָב מיך אומגעקערט פֿון דער אַרבייט, האָט זיך מיר נאָר אָפּט אויסגעדאַכט, ווי איך וואָלט פֿון ערגעץ, פֿון צווישן די קברים, דערהערט זיין טרויעריק פֿייפֿן. צווישן דעם הויך געוואַקסענעם גראָז איבער די קברים האָבן זיך באַהאַלטן זיינע שטילע בענקענדיקע ניגונים, און יעדעס מאָל ווען אַ ווינטעל האָט זיך אויפֿגעכאַפּט האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי אין דעם גערויש פֿון דעם גראָז, אָדער אין דעם גערויש פֿון די ביימער וואָלטן זיך געשטיקט דעם זיידען טאָם׳ס קלאַנגען.

אונטער דעם געדיכט באַצווייגטן בוים, וואָס איז ביי דעם ברעג פֿון דורכגאַנג געשטאַנען, איז דאָך ערשט מיט אַ יאָר צוריק דער בלינדער טאָם געזעסן. ווען עס האָט גערעגנט האָבן אים די געדיכטע צווייגן באַשיצט כדי ער זאָל ניט דורכגענעצט ווערן. איצט טראָגן זיך פֿון בוים די זעלבע טרויעריקע ניגונים, וואָס דער אַלטער טאָם האָט אונטער אים אויסגעפֿיפֿן און געוועקט דאָס רחמנות געפֿיל פֿון די פֿאַרבייגייער.

יעדעס מאָל ווען איך גיי פֿאַרביי דעם דורכגאַנג הער איך די זעלבע אומעטיקע טענער. אַ סך מאָל ווייזט זיך מיר טאַקע אויס אַז איך וועל אויך דעם בלינדן דאָרט דערזען. ער איז אָבער מער ניטאָ, און בלויז זיין שאָטן און דער אומעט פֿון זיין לעבן איז געבליבן הענגען אין דער שטילקייט פֿון קליינעם קירכן־בית־עולם׳ל.

---

די דערציילונג איז פֿון סאָכאַטשעווסקיס בוך „וועלט און מענטש". אויפֿן מעמאָריום־אונט איינגעאָרדנט פֿון „פּריינט פֿון יידיש לשון" האָט מנשה ווייסגראַז זי פֿאָרגעליינט. לידער פֿונם נפֿטר האָבן רעציטירט נעט רובין, אייזיק גאָלדבערג און רחל דאַניאַק. עס וואָלט געווען אַ חסד של אמת, ווען מען קלויבט צונויף אַ באַנד אָפּגעקליבענע דערציילונגען און לידער; פּשוט ווי אַ שכר, ווי אַן אָפּגעצאָלטן חוב בן־א. סאָכאַטשעווסקין פֿאַר זיין עבֿודת־הקודש דאָ אין ישוב איבער 40 יאָר.

## ש. זאלקין

### און האסט מיך פארטריבן

און האסט מיך פון זינגענדן גארטן פארטריבן
ווייט ערגעץ, ווייט, וואו מען הערט נישט קיין קלאנג ;
נישט געבוירן קיין חבר, וועמען צו ליבן,
פאר וועמען צו וויינען ווען עס טוט אזוי באנג.

און האסט צעבראכן פון האפנונג די זיילן,
אויף שערבלעך צעבראקלט מיין ווילן ;
אן אומעט געשיקט מיך צו פארווײלן —
זעלטן א טרייסט־קלאנג מיין בענקשאפט צו שטילן.

טא עפן זשע הימלען, וואו זיסע געזאנגען
מידע נשמות ווי מיינע פארוויגן,
און דארט אין נעצן פון געטלעכע קלאנגען
כ׳וועל מיטזינגען שטיל ביז וואנען אנטשוויגן.

## עלי זילבערג

### שנת־העשור

פאר דיר אליין מיין הארץ נאר שלאגט,
פאַר דיר אליין איז ווערט צו לעבן,
און אלעס וואס איך נאר פאַרמאָג,
געגרייט בין איך דיר איצט צו געבען.

דו ביסט דער חלום פון מיין פאָלק,
פאַר דיר צוויי טויזענט יאָר געליטן,
געברענט, געשענדט, דעם נאמען ייד,
נאר דיך פאר קיינעם ניט פארביטן.

דו האסט אונדז אויפגעוועקט פון שלאָף
און אויפגעמאכט פאַר אונדז די טירן,
דו האסט דער וועלט באוויזן שטאלץ,
דאס אונזער פאָלק וועט עקזעסטירן.

ישראל, ווי בין איך שטאלץ אף דיר,
דו האסט פון קנעכט געמאכט אונדז מענשען,
גבורים שטארקע אויפגעבראכט,
מיט זיי מיין פאָלק וויל איך דיך בענטשען.



## י. ריכטיגער

### יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

4־טער קאפיטעל

### די תורה און די מפרשים

תורת משה האט אנגעהויבן די כראנאלאגיע פון דער איצטיקער ציוויליזאציע מיטן ערשטן מענטשס איבערגיין פון דערנערן זיך מיט ווילדע פרוכטן צו פראדוצירן זיין טעגליך ברויט. לויט דער אנגעגעבענער לעבענס־צייט פון יעדן דור אין תורת משה, האבן די מפרשים אויסגערעכענט אז דער איבערגאנג האט פאסירט צוויי טויזענט פיר הונדערט אכט און פירציק יאר פאר יציאת מצרים, וואס איז גלייך ווי מיט פינף טויזענט זיבן הונדערט און אכצן יאר צוריק.

אמת, נעבן די סקעלעטן פון פארצייטישע מענטשן האט מען געפינען געשליפענע העק און מעסערס פון פלינט אדער פייער שטיינער, ווי אויך אויסגעקריצטע בילדער פון חיות אויף די פעלזן־ווענט פון היילן, וואס זאגן עדות, אז צענער טויזענטער יארן פארן אנהויב פון תורת משה׳ס כראנאלאגיע זענען שוין די פארצייטישע מענטשן געווען מעכאניקער און קינסטלער. אבער מחמת ערשט נאכן מענטשס נעמען זיך צו קולטיווירן די ערד זענען אנטשטאנען סאציאלע, סעקסועלע און טעאלאגישע קאמפליקאציעס האט תורת משה אנגעהויבן די כראנאלאגיע מיט דער געשעעניש.

אז די געשעעניש, פון מענטשס איבערגאנג צו ערד ארבעט, האט טאקי פאסירט מיט קנאפע זעקס טויזענט יאר צוריק, איז וויסענשאפטליך באשטעטיקט געווארן . . . ווי שוין דערקלערט אין פאריקן קאפיטעל זאל האבן, לויט די מפרשים, פארגאנגען א זער לאנגע צייט פון דעם ערשטן מענטשס באוווסטזיניק ווערן ביז דעם ערשטן מענטשס איבערגיין צו ערד ארבעט. די לאנגע צייט זעט אויס צו זיין געווען די אייז־פעריאדע פון צענדליקער טויזענטער יארן, וואס האט די פארצייטישע פלינט שלייפער און בילדער צייכענער צושיידט פון דער איצטיקער ציוויליזאציע. און הגם די געאלאגן איז ניט געלונגען פעסטצושטעלן, צו די אייז־פעריאדע האט זיך אנגעהויבן מיט פופציק טויזענט יאר צוריק, הונדערט טויזענט יאר צוריק אדער מער, דאך זענען פאראנען אבסאלוטע באווייזן אז זי איז פלוצלינג געקומען און ערשט מיט קנאפע זעקס טויזענט יאר צוריק האט זי זיך געענדיקט.

מען האט שטענדיק געפינען די לאנגע ציין פון מאמאטס, אן אויסגעשטארגענער פארצייטישער עלעפאנטן־מין, אין דער אייז מדבר פון צפון־מזרח סיביר. אבער אין יאר 1799 איז אויך דארט אנטדעקט געווארן גאנצע מאמאטס, וואס זענען ניט אליין דערהאלטן געווארן מיט הויט און האר, נאר עטליכע פון זיי האבן נאך געהאט אין זייערע פיסקעס און מאגענס אומפארצערטע בלעטער און גרעזער פון א ווארעמען קלימאט. אזוי ווי מען קאן ניט זאגן, אז די מאמאטס זענען ערגיץ אין א ווארעמע געגענט אומגעקומען און

דער ים האט זיי פארשלעפט קיין סיביר, ווייל זיין ואלטן געדארפט זיין פארפוילט און צוריסן אין שטיקער פון וואסער. און מען קאן אויך ניט באהויפטן, אז זייער היים איז געווען די סיבירער אייז מדבר, ווייל זיי זענען געפרוירן געווארן בעת זיי האבן געגעסן בלעטער און גרעזער אין א ווארעמע געגענט. מוז מען אננעמען, אז אין צפון־מזרח סיביר, וואו מען האט אנטדעקט די גאנצע מאמאטס, איז אמאל געווען א ווארעמער קלימאט און ווען א קאטאקליזם האט געטראפן די ערד, זענען זיי אין איין אויגנבליק באדעקט געווארן מיט אן אייז מאסע צוזאמען מיט אנדערע איצט פארשווונדענע באשעפענישן און פרוכטיקע געגענטן.

אין אייראפע איז פון דער אייז־פעריאדע אליין געבליבן געאלאגישע סימנים, אבער אין צפון־אמעריקע האט זי גענוי פארצייכענט דעם דאטום פון איר סוף. די לעצטע צוויי הונדערט יאר אינטערעסירט מען זיך מיטן גאנג פון ניאגארא־פאלס, באמערקענדיק אז יעדעס יאר רוקט זיך דער שטראם פינף פוס פון טייך אנטאריא צום טייך עריע האט מען אויסגעמאסטן דעם פארלאזענעם שטח ביז צום ערשטן שטראם־בעט און פעסטגעשטעלט, אז ער האט אנגעהויבן צו פליסן מיט זעקס טויזענט יאר צוריק. מען האט אויך אויסגערעכנט, אז די זעלבע צאל יארן פליסט דער סט. אנטאני־פאל אין מינעאפאליס, און די ביידע וואסער־פאלן שטראמען פון בעקענס, וואס זענען פארפרוירן געווען די גאנצע אייז־פעריאדע.

פארשידענע וויסנשאפטליכע טעאריעס זענען פאראנען וועגן די סיבה, וואס זאל האבן פאראורזאכט דאס שמעלצן פון דער אייז מאסע אין אייראפע און אין צפון אמעריקע. איינע פון די לעצטע איז — אז א קייט פון הויכע בערג האט זיך געצויגן איבער די ברייט פון אטלאנטישן ים, טיילענדיק אים אין צוויי און צוריק האלטענדיק דעם גאלף־שטראם פון קומען אין צפון־ים. די בערג זענען איצט פארזינקן טיף אין אטלאנטיק און לויט דער אויסרעכענונג פון שוועדישע און רוסישע געאלאגן, זאלן זיי שוין זיין אונטערגעגאנגען מיט לערך צען אדער צוועלף טויזענט יאר צוריק. ווען דער ים איז פריי געווארן האט דער גאלף־שטראם אנגעהויבן אריין צו פליסן אין צפון־ים, אויפווארעמענדיק די ערד טיילן נאענט צו אים. דערפון איז די אייז מאסע פון אייראפע און צפון־אמעריקע אין משך פון עטליכע טויזענט יאר פארשוווּנדן, און די געגענט אין צפון־אפריקע, ווי אויך ארום דעם מיטלענדישן ים, וואס זענען ניט באדעקט געווען מיט אייז, אין לויף פון דער אייז־פעריאדע, ווייל די אטלאנטישע בערג־קייט האט זיי געשיצט פון די קאלטע צפון־ווינדן, האבן אנשטאט א מילדן קלימאט באקומען א הייסן און די סאהארא, ווי אויך אנדערע מדבריות זענען דארט אנטשטאנען. („סייענס אין רעוויו״, ניו־יארק טיימס, 23־טן סעפטעמבער 1956.)

מען האט דעריבער אין צפון־אפריקע און ארום דעם מיטלענדישן ים געדארפט צוריק געפינען דעם אנהויב און די המשך׳דיקע אנטוויקלונג פון די איצטיקע ציוויליזאציע מיט טויזנטער יאר פאר דעם סוף פון דער אייז



פעריאדע, ווייל מענטשן זענען דארט געווען. — מען האט לעצטענס אנטדעקט אויפן הר הכרמל אין ישראל ביינער פון פארצייטישע מענטשן און מיט דער הילף פון די נייע ראדיא־קארבאן מעטאדע האט מען פעסטגעשטעלט, אז זיי האבן דארט געלעבט מיט לערך פופציק טויזענט יאר צוריק. („סייענס אין רעוויו״, ניו־יארק טיימס, 3־טן יאנואר 1956) אבער אחוץ די געשליפענע פייער שטיינער און די אויסגעקריצטע בילדער איז פון די פארצייטישע מענטשן און פון די פאר־כראנאלאגישע צייט גאר ניט ערגיץ געפינען געווארן.

כדי צו פארענטפערן די פראגע, פארוואס מען געפינט ניט צוריק ביי די פארצייטישע מענטשן כאטש א פרימיטיוון אנהויב פון די איצטיקע ציוויליזאציע? טראכטן מאנכע ארכאעלאגן צו פארהעכערן די עלטער פון אויסגעגראבענע אביעקטן מיט דער הילף פון איינזייטיקע שאצונגען, און זיי גרויסן זיך, אז זייער אנטדעקונג באווייזט די ניט ריכטיקייט פון דער כראנאלאגיע אין תורת משה. פאקטיש אבער האבן ניט זייערע שאצונגען קיין געשיכטליכן ווערט, ווייל די ציוויליזאציע איז ניט אנטשטאנען אין פארשידענע צייטן און ערטער, נאר זי האט זיך אין א געוויסע צייט פון א געווסן ארט אנגעהובן צו פארשפרייטן איבער די וועלט און זיך אומעטום אייגנארטיק אנטוויקעלט, ווי עס פירט זיך ביזן היינטיקן טאג מיט נייע טעכנישע און קולטורעלע שאפונגען. מען האט אויך אנטדעקט וואו און ווען די ציוויליזאציע איז אנטשטאנען, די עטנאלאגישע פארשער האבן פעסטגעשטעלט, אז אין גאטס־דינסט סימבאליזם, אין טעמפל ארכיטעקטור און אין כלי־זין פארמען פון די אלטע פעלקער אין אזיע, אפריקע און אפילו פון די אינדיאנער אין אמעריקע, געפינען זיך אלט־מצרי׳שע מאטיוון. עס איז אויך ביי זיי אלע פאראנען א מיטאלאגיע, אז קינדער פון די געטער — זון־גאט, ים־גאט, אדער אנדערע — האבן די מענטשן־קינדער אויסגעלערנט ערד ארבעט און אנדערע מלאכות, וועלכע איז איבערגענומען געווארן פון אלטן מצרים, ווייל די ערשטע פארצייטישע מענטשן זענען דארט איבערגעגאנגען פון דערנערן זיך מיט ווילדע פרוכטן צו ערד ארבעט.

די עטנאלאגישע פארשער האבן אויך אויסגעפינען ווען דער איבערגאנג איז פארגעקומען. נאכדעם, ווי דער באקאנטער עטנאלאג ג. עליאט סמיטה האט אנגעצייכענט די ערטער וואו די אלט־מצרי׳שע קולטור איז א דורכגעגאנגען ביז זי האט דערגרייכט די אינדיאנער אין אמעריקע, שרייבט ער: „די באווייזן וואס מיר האבן פארזאמעלט בארעכטיקן אונז צו זאגן, אז די ציוויליזאציע האט זיך אנגעהויבן אין דעלטא־טאל, אפשר שוין פיר טויזענט יאר און באשטימט ניט מינדער פון דריי טויזענט פינף הונדערט יאר פאר די קריסטליכע צייט רעכענונג. ווען די פארצייטישע מענטשן האבן זיך געהאט אויסגעלערנט פון טייך נילוס מיט זיינע יערליכע פארפלייצונגען צו קולטיווירן די ערד, איז דארט אנטשטאנען דער ערשטער ישוב אין דער וועלט... זיי האבן געגראבן קאנאלן, געבויעט ווינונגען, געשאפן א קולט, די היעראגליפישע שריפט, און מיט דער ערד ארבעט האט זיך די קולטור פון אלטן מצרים פארשפרייט איבער

די וועלט". (ג. עליאט סמיטה „די פארשפרייטונג פון קולטור", ז. 222) נאך אנדערע וויסענשאפטלער זענען געקומען צו דעם אויספיר, אז די איצטיקע ציוויליזאציע האט זיך אנגעהויבן מיט קנאפע זעקס טויזענט יאר צוריק און איינער פון זיי איז — בערטראנד ראסעל. („א געשיכטע פון דער מערב׳דיקער ציוויליזאציע", ז. 22.)

פארשטייט זיך, אז פארשער האבן איצט נאך קנאפע זעקס טויזענט געקאנט צוריק געפינען וואו און ווען די פארצייטישע מענטשן זענען איבערגעגאנגען פון דערנערן זיך מיט ווילדע פרוכטן צו פדאדוצירן זייער טעגליך ברויט, האט דאך משה רבינו, וואס ער איז געבוירן געווארן אין אלטן מצרים מיט לערך דריי טויזענט דריי הונדערט און פופציק יאר צוריק, און איז דערצויגן געווארן אין קעניגליכן הויף, זיכער געהאט א סך מער, ווי זיי, היסטארישע באווייזן אז די איצטיקע ציוויליזאציע האט זיך אנגעהויבן אין דעלטא־טאל צוויי טויזענט דריי טונדערט אכט און זעכציק יאר פאר ער איז געקומען אויף די וועלט. עס איז אויך פאראנען א סינטעז צווישן די געשיכטע אין תורת משה וועגן דעם אומקום פון פאסטוך־הבל דורכך ערד ארבעטער־קין, (בראשית ד׳) די אייביקע שנאה פון די מצריים צו פאסטוכער — „כי תועבת מצרים כל רעה צאן". (בראשית מ"ו) די רעקארדס אויף די אלטע מצרי׳שע מאנומענטן און דאקומענטן וועגן זייערע דורות לענגע מלחמות מיט די „היקסן": פאסטוכער־מלכים. (יוסף בן מתתיהו־פלאוויוס קעגן אפיאן.) און די לעצטע געאלאגישע אנטדעקונג וועגן די בערג־קייט איבער דער ברייט פון אטלאנטישן ים.

מחמת תורת משה האט פארצייכענט ווען די פארצייטישע מענטשן האבן אנגעהויבן צו קולטיווירן די ערד, און ניט ווען זיי זענען געווארן פאסטוכער, איז מען בארעכטיקט אנצונעמען אז שוין מיט צענדליקער טויזענטער יאר פאר זייער איבערגאנג צו ערד ארבעט, זענען די פארצייטישע מענטשן געווען פאסטוכער. און אזוי ווי פאסטוכער. לעבן ניט אין חברותא און בויען ניט קיין ישובים: קיין ציוויליזאציע, ווייל יעדער פון זיי וואנדערט פון ארט צו ארט כדי צו זוכן גראז פאר זיין סטאדע, (זעט בראשית י"ג „ולא נשא אתם הארץ לשבת יחדיו"...) איז פון זיי אליין געבליבן זייערע פלינט־כלי זין, וואס זיי האבן באנוצט אין קאמף קעגן חיות און די אויסגעקריצטע בילדער אויף די פעלזן־ווענט פון היילן, וואו זיי האבן זיך אויפגעהאלטן אין ווינטער.

די פארצייטישע מענטשן זענען ערשט מיט קנאפע זעקס טויזענט יאר צוריק איבערגעגאנגען פון פארזאמלען ווילדע פרוכטן צו ערד ארבעט, ווייל אין דער אייז־פעריאדע איז דער מקור פון וואו דער טייך נילוס שטראמט פארפרוירן געווען, האט ער ניט געפלאסן און ניט פארפלייצט דעם דעלטא־טאל, דער קלימאט איז דארט געווען א מילדער און אנשטאט די יערליכע געוויסערן פון טייך נילוס האט רעגן אנגעטרונקן די ערד אין דעלטא־טאל. ערשט ווען די בערג־קייט פון אטלאנטישן ים איז אונטערגעגאנגען, וואס האט פארענדערט דעם קלימאט אין דעלטא־טאל, באפרייט פון אייז דעם מקור פון טייך נילוס און דורך די יערליכע פארפלייצונגען פון טייך נילוס איז דער



דעלטא־טאל באוואסערט געווארן, האבן די פארצייטישע מענטשן אנגעהויבן נאכמאכן דעם נאטור־פראצעס: זיי האבן געגראבן קאנאלן דאס וואסער זאל טיפער אריין פליסן אין לאנד אום גרעסערע שטרעקעס זאלן באוואקסן ווערן מיט גראז פאר זייערע סטאדעס.

דערפון האבן זיי זיך אין משך פון צייט אויסגעלערנט איינצוזייען ווייץ פאר זייער טעגליך ברויט, זוימען פון גרינצייג און פרוכטןביימער. ווען זיי זענען געבליבן זיצן אין דעלטא־טאל, זיי האבן געבויעט וווינונגען פאר זייערע משפחות, אנטוויקעלט א קולטור און אויפגעגעבן די פאסטוכעריי, איז ביי זיי אנטשטאנען סאציאלע סעקסועלע און טעאלאגישע קאמפליקאציעס, ווי אויך קאנפליקטן מיט די פאסטוך משפחות. די קאנפליקטן זענען רעקארדירט אויף די אלטע מצרי׳שע מאנומענטן און דאקומענטן. צוזאמען מיט דעם אומסאציאלן, אומזיטליכן און געצענדינערישן לעבן פון די ערשטע ערד־ארבעטער ישובים. דעריבער האט תורת משה אנגעהויבן די כראנאלאגיע פון די איצטיקע ציוויליזאציע מיטן ערשטן מענטשס איבערגיין פון דערנערן זיך מיט ווילדע פרוכטן צו ערד ארבעט.

## א. נ. שטענצל

### א שבועות-רייזעלע

(וואַריאַציע)

דער ערשטער געשניטענער היי טרוקנט אין זון,
און די שוואַלבן שוין לאַנג צוריקגעקומען;
צעוויגטע אין ווינט צווישן די ייִנגע זאַנגען,
אויפגעגאַנגענע קאָרן־און מאָן־בלומען.

גאַנץ שטעטל צעשמעקט מיט זשיוויעצע פון וועלדל,
מיט אָקאָרשט געקאָשעטן היי אויף לאָנקע;
די זון אויף ברייט־צעוויקלטע בלויע ווייטן,
וואַנדלט צעחושט אין פאַרחלומט געבלאָנקע.

הערט זי זיך פאַרשוויגן צו צום שוואַלב־געטשוויטשער,
אָדער פאַרכשופט פון דעם שלל קאָלירן?
אַ פאַרוווּנדערטע זי בלייבט שטיין אין מיטן גאַנג,
אַ פאַרכאַפּטע, פון אָרט זיך נישט צורירן.

שטייט זי טאַקע אין דער הויך אין בלויען הימל
אָדער גאָר אין סטאַוול, צעקלאָרטן בלאַנקן?
איר צעשטראַלטער בליק, ראַפּטים, אַ ווילד־צעגליטער,
ווי אַראָפּ, חלילה, פון די געדאַנקן —

יאָ, „דאָס וואַסער ברויך אַ טויטן״! און זי איז עס!!
ווייל זי האָט זיך געבאָדן אין דער ספירה — —
וואָלט זי בלויז געקענט ביז צום ברעג נאָר צושווימען,
ס׳פאַרלאָזן זי די לעצטע כוחות אירע — — —

צעמישט ס׳בלייבט שטיין נישט בלויז אויבן דערשטויגטע זון —
ווער קאָן שוין אייגענע אויגן גאָר גלויבן:
אונטערן בית־מדרש־דאַך מיט מאָך באַוואַקסן,
בריען אייערלעך וואָרקנדיקע טויבן;

און דער שטאָט־צאַפּ ווו איז ער אַהינגעקומען
זייט דער חדר צום סטאַוו אַרויס ל״ג־בעומר?
פאַר דער טשערעדע געגאַנגען איז ער פאָראויס,
אַנשטאָט אויף שול־דאַך — שפּרינגט ער אויף סאָד־בוימער.

זע, אויף די לאָנקעס זייגען די מיידלעך אַרויס,
אויף שבועות מילך־בלומען צו קלויבן,
קרענצלעך בינדן, קריינדלעך קונציק אויסצוקניפּן,
צו שטעלן פאַר די בלאַנק־געפּוצטע שויבן;

אין די יינגע וועלדלעך און סעדער — די יינגלעך,
צו רייסן פון די בוימער פרישע צווייגן,
דאָס בית־המדרש מיט גרינס צו באַהענגען,
און פאַרן ארון־קודש אויסצולייגן.

אָט, ווייסע־חברה שוין מיט פאַרשאַרצטע הויזן,
אין סטאַוול אַריין מיט פאַרשייטן ניגון,
„ברצון תעטרנו״, טאַטער צו רייסן — — —
איז זי צוריק, די זון, אַרויפגעשטיגן,

און מיט ווייסע־חברה זיך הילכיק צעזונגען,
מיט אַלע אירע בלויע הימל־הייכן:
„און ווען אַלע וועלדער זאָלן פּענעס ווערן,
און ימים־טינט אַלע סטאַוון און טייכן״.

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס ריסעוועט זון ס׳וווּנדערלעכע רייזעלע,
אויף גאָטס פענסטער שויב אויבן אויפצוקלעבן;
מיט איין שטראַלעכל־שטריך מיט־אויפגעכאַפּט צומאָל,
די לעבעדיקסטע שוואַלב מיטן אין שוועבן.



## נעשה ונשמע

1

אַז ששים רבוא שטייען ווי איין מענטש,
אַ נעשה ונשמע־וואַנט שטיין אויף שטיין,
איינער אין אַנדערן איינגעמויערט,
הייבן זיי אָן בלב אחד צופאַרשטיין;

קוקן זיך פּנים אל פּנים אין גאָט איין —
איינער אינם צווייטנס האַרצן אַריין.

שטייען אַזוי אויפגעלויכטענע פרייד —
אַ קאָפּ־אויף־קאָפּ געלייטערט משיג זיין!
ביז אין הימל אַריין אויפהאָרכנדיק,
וואָרט וואָס קומט פון כביכול אליין;

זיי הערן גאָט, אין שוידער פון געביין,
וו צווישן צווייגן אין גן־עדן גיין.

2

אויב אָבער ערד אונטער טראָט שוין אַלץ איז,
ווערט זי אין אַ געטשקע אויסגעקנאָטן;
דאָס מינדסטע שטיינדל — שטרויכל אויפן וועג,
און אונטער יעדן בוים זיצט דער שטן;

מיט טויט־קאַלטן אָרעם נעמט דיך אַרום
ווייט־צעוואַקסענער צעצווייגטער שאָטן.

און אויב מיטן אָטעם פון דיין אָטעם,
באַלעבן זי עס וועט דיר געראָטן,
וועט זי נישט שטיינבלייבן ווי יענס שטיק זאַלץ,
געבליבן פון סדום — דאָס ווייב פון לוט׳ן.

דיין צווילינג ברודער ר׳וועט בלייבן — קין
מיטן שורש גאַנץ דיך אויסצוראָטן.

3

האָסט אונז אויסדערוויילט דאָס נידריקסטע צו זיין,
ווייל דו האָסט ליב בלויז דאָס שפּלע אַליין;
דריקסט אונז, — צו דיין האַרץ, — ביז צום אונטערגיין,
כּדי אונזער ליבע זאָל אויף אייביק באַשטיין.

גאָט, ווי גרויס דו זאָלסט נישט זיין, שפּלדיק טיף,
אַזאַ שפּילצייג צו זיין, אַזאַ שפּיל צו פאַרשטיין.

אויב דאָס הפוכדיקע זיך ליבט — אַ געבאָט!
הערפאַר קיין ענד אונזער גרויסע ליבע האָט — —
ווייל ווער קלענער פון אונז, ווער גרעסער פון גאָט?
און מיט לעצטן פונקל נאָך אויפן שאַפאָט,

בליט צוריק אויף אונזער גליאיקע ליבע,
אין פייער־פלאַמעדיקסטן, העכסטן „אחד“.

## ווען די שכינה וויינט

אַז אַ פאָלק גייט אין גלות אַריין,
צווישן פרעמדע פעלקער פאַרטריבן,
צומאָל אויף אַש פאַרברענט צו ווערן,
זיין געביין שוין אויף שטויב צעריבן — — —

ווי ביטער אַזאַ גאַנג זאָל נישט זיין,
ווילנאַנג בלויז זיין האַרץ גאַנץ געבליבן!
ווען אָבער טיף שוין אין ריס פון האַרץ,
דער וואָרעם פון טויט זיך פאַרקליבן —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— אויף וואָס, אויב נישט אַש־שטויב צעמאָלן,
פון גלות צומאָל אַזש פאַרטריבן?
גאָט, ווי געוואַלטיק גרויס מוזט דו זיין,
דייקא דאָס פאָלק דיר אויסגעקליבן.

## אין 19-טן אפּריל 1958

גאָט, נישט וואָס כ׳בין נישט פאַרברענט
איך דאַנק דיר וואָס כ׳בין דאָרטן נישט געווען;
אָ, „על תדין את חברך . . .“ ווער ווייסט,
וואָס מיט מיר עס וואָלט דאָרט געקענט געשען —

מיין נאַקעטן נפש צו ראַטעווען,
ווער ווייסט וואָס אַלץ אָפּטון איך וואָלט געקענט — — — —
גאָט, כף־הקלע מיין גאַנץ לעבן,
פאַר דעם גערינגסטן וואָס געוואָרן פאַרברענט.

* * *

ששים רבוא, זעקס מאָל הונדערט טויזנט,
זיינען מיר פון מצרים אַרויסגעגאַנגען,



און וויפיל ערב־רב צווישן זיי;
פון גלות־אייראָפּע זעקס מיליאָנען,
און אַלע זיינען קדושים געווען.

ווי גרויס אונזער לאַנד געווען און וועט זיין,
אַלץ גרעסער דער ירושלים של מעלה,
אַזוי הויך, טיף ווי אַלע זיבן הימלען;
פון אונזער ערד־קיילעך אויפגיין צוקענען,
פלאַמיק־פאַרטיפט, ווונדערלעך־וואַנדלדיק.

## „וגר זאב עם כבש“

חלום־חזיון אין מוח פון בעל־חי,
פאָספאָריש אויפגעפלאַמט אין וואָלפס אויגן;
צומאָל נאָך ווילד־לויערנדיקער לעמפּערט,
צום פאַרציקינג־שפּרונג שוין אויסגעצויגן.

אין מבול פון בלוט וואָס פאַרגיסט דעם מוח,
שפּיגלט זיך בלוי אַזאַ רעגנבויגן;
ער צערינט מיטן לעצטן טראָפּן בלוט,
תאוהדיק פון קרבן אויסגעזויגן.

חלום־חזיון אין מוח פון בעל־חי,
גלויביק פאַרגלייזט אין לעמעלעס אויגן,
ראַנגלדיק זיך אין די נעגל־גראַטשעס,
אַדלעריש, הימליש, הויך־אויפגעפלויגן.

## דער „באחרית“...

די סאָכעס, די קאָסעס און די סערפן,
פאַר אָפּגעהאַרעוועטן גראָשן פון יידן,
אָ, מיט דער הילף פון די שלומים־געלדער,
אין כל־רליי כלי־זיין, חלילה, איבערשמידן.

דער גבור פון אָריענט וועט ישראל זיין,
די חלוצים — זיינע שטאָלצע לאַנץ־קנעכט ווערן
און די קבוצים און די קבוצות —
די אַרסענאַלן פון די גייסטע געווערן!

ווי אַ שטעטל מיט יידן פאַר איין דייטש,
וועט אַ גאַנץ אַראַביש דאָרף פאַר איין ייד קריכן;
דאָס מיינט מסתם „ייתי ולא איחמיניה“*,
ווען ר׳ יוחנן האָט גערעדט פון משיחן.

---

* ער זאָל קומען נאָר איך זאָל אים נישט זען.

## ירושלים של מעלה

די הקדמה צום בוך „גלות און גאולה“

פונקט ווי זיין גאָט איז דאָס פֿאָלק — דער אנוכי־באַגרייפֿער,
אַ הייליקע אומענדלעכקייט פֿון עפר ואפר — — —
זע, ווי ס׳רינגלט זיך לעצטער גראַנגל פֿון נישטאָ־שוין,
הויכיק, רויכיק, רינגל־ב׳רינגל לעשט זיך אַזוי בלאָ שוין —
„מי זאת עולה מן המדבר כתימרות העשן“ ?*

ווי פֿאַר זיי גאָט ווערט די ערד זיין וואָס ער גייט דערגרייכן,
דאָס פּיסנבעגקעלע פֿאַר זיינע של־מעלה־הייכן.

### „גאָט פֿון אברהם פֿון יצחק און פֿון יעקב“*

איך האָב געזען, קרישלענדיק ברעקלענדיק,
ירושלים׳ס שטיינערנע מאַגנאַ קאַרטאַ,
דעם צעקנייטשטן שטערן רבי עמרם בלוי׳ס,
דעם פֿאַרביטערטסן פֿון די נטורי קרתא ;

ליימיק געקאַנטן, אין אויוון געברענט, — —
פֿון ישעיהו׳ס צעבראָכענעם טאָפּ אַ שאַרבן ?
אַ שטיק פֿון די צעבראָכענע לוחות ?
אותיות ליינען זיך צווישן־שורות־קאַרבן — —

פֿון שטערן, דעם פֿעלזיק־פֿאַרשטיינערטן
פּאַפּירניקאָוס, פֿאַרטיפֿט כ׳האָב אַרויסגעלעזן :
אויב נישט מיט ווערטער, מיט שורות פֿאַלטן
כאָטש פֿעסטהאַלטן דאָס היימישע וואָס געווען.

און זע איבער בן־גוריונס, געטעסעטן,
וואָס טוט זיך, גראַניטן, אַ קופּאָל אויפֿהייבן,
האָט גאָטס האַנט רחמימדיק אויפֿגעציטערט,
דעם „מנא מנא תקל“ נישט אויפֿצושרייבן.

„גאָט פֿון אברהם“ ! גייען דריי שטערן אויף,
נעמען גאַנצע פּלעיאַדעס גלאַנצן און שיינען !
און וואָס געווען און וואָס ס׳וועט קומען —
פֿון אותיות־געפֿינקל אַרויסצוליינען !

---

* שיר השירים ג׳ ו׳.



שמרי און ריוועס, פֿרידמאַן און בערלינסקי,
סוצקעווער און מאַן — — — ווער קאָן ציילן די שטערן,
וואָסער שפֿע, וואָס פֿאַר אַ זשניווע עס וועט זיין
שניידן מיט געזאַנג, פֿאַרזייט אַזוי מיט טרערן — — —

„אויב מיר ווילן איז עס נישט קיין אגדה“,
מיר וועלן די שבעה כוכבי לכת ווערן !“
פֿונקלט אַ פֿאַלדיקער מעטעאָר־בליק,
פֿון אונטער מאַסטבוימ׳ס אויסגעקאָוועטן שטערן.

און איז לעוו נישט אַ שטויבעלע אויך פֿון מילך־וועג ?
זע, ווען כ׳בין אין ירושלים געווען,
האָב איך פֿון רקודה פּאָטאַזשס אויגן,
מיין גאַנץ שטעטעלע פֿון זיי אַרויסגעלעזן.

---

* דאָס ליד איז פֿון מיין איצט דערשינעם בוך „גלות און גאולה“, ליידער איז די זיבעטע סטראָפֿע אַרויסגעפֿאַלן אינם בוך.

## מלך ראַוויטש

### יעקב פֿרידמאַן—אַ ישׂראלדיקער דיכטער

אַן אינטימער פּאָרטרעט פֿון דער סעריע „מיין לעקסיקאָן“

(געבוירן 1910, מילניצא, מזרח גאַליציע, געוווינט אין טשערנאָוויץ, אין די אומקום־יאָרן — אין לאַגער טראַנסניסטריע, 1947־48 אין לאַגער פֿון קפריסין, זינט דאַן אין מדינת ישׂראל).

פֿאַרהאַנען פּאָעטן, וואָס 24 שעה אין מעת לעת, זיבן טעג אין וואָך, האַלטן זיי דיך אין איין איבערצייגן, אַז זיי זענען פּאָעטן, אָבער יעקב פֿרידמאַן, ווען נאָר איך פֿלעג אים זען, האָט מיר געוואָלט איינרעדן, אַז ער איז נישט קיין פּאָעט, ער ווייסט נישט וועמעס עס זענען די לידער, וואָס דערשיינען מיט זיין נאָמען . . . און אַזוי ווי עס ווילט זיך י ע נ ע נישט גלויבן, אַזוי קען מען יעקב פֿרידמאַנען נישט גלויבן, ווייל זיינע לידער זענען זייער אָריגינעל. נישט אַנדערש — עפּיס אַ געהיימער נס ; פֿלעגן מיר אַלעמאָל ביידע באַשליסן נאָך אַזאַ מאָדנעם שמועס. אַלץ אַרום אים איז בליציק און איבעראַשנדיק און מאָהנע.

ער שטאַמט פֿון דער ריזשינער גזע צדיקים און ס׳ערשטע מאָל האָב איך אים באַגעגנט אין וואַרשע, דעמאָלט — נאָך אַזאַ מין רבניש ווונדערקינד, וואָס שרייבט לידער אין מאַמע־לשון. אַ מין גילגול פֿון רב לוי יצחק, דעם באַרדי־טשעווער . . . און ווי יענער פֿלעגט רעדן, כדבר איש אל רעהו, צום כביכול, אַזוי אויך יעקב פֿרידמאַן, אָן זיין שאָדן . . . זיי האָבן אָפּט אַזעלכע פּנימער, די „איינקלעך“, אַז שווער צו דערקענען אין זיי דאָס פּינטעלע ייד. עפּיס אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אַ באַזונדער ראַסיש שטראָמעלע אין דעם סעמיטיש־ראַסישן

יידישן שטראם מיט א שטארקן ארישן צומיש. נישט אומזיסט איז ש. אנ־סקין איינגעפאלן די גרויסע טעמע פון זיין „טאג און נאכט". מיסטיש־אוניווערזאלע שייכותן.

יעקב פרידמאנס, אייביק אביסל איבערראשט און פארבליפט פנים, ווי ער וואלט נאר וואס געוואר געווארן עפיס אזוינס, וואס האט אים אנגעפילט מיט גרויס פארוואונדערונג, איז אזא פנים, וואס איז אפשר נישט ספעציפיש שיין, נאר עס מאכט א רושם, א פנים, וואס לאזט זיך ליב האבן. דערצו האט עס א טבע אלע מאל נערוועז א בליץ צו טון. ווי שטילע, ווייטע בליצן אויפן האריזאנט אין ווארעמע זומער־נעכט. פון אט די בליצן ווערן אפט פרידמאנס ווערטער אויף צענטל רגעס איבערגעריסן אין מיטן רעדן — און דאס גיט צו עפיס א געהיימניספולן חן. אזוי ווי ער וואלט זיך אין מיטן ווארט געיישובט — צי מעג ער עס איינגאנצן ארויסלאזן פון הארץ, צי נישט . . . און סאי ווי איז אלץ, וואס ער זאגט, אביסל סודותדיק, אפילו ווען ער דערציילט דיר מיט גרויס וואונדער וויאזוי ער איז נאר וואס געקומען מיט אן אויטאבוס פון בית דגון קיין תל אביב. אין זיין דערציילן קומט די מעשה אויס אזוי, ווי ער וואלט געקומען א שטייגער פון דער לבנה אויף דער ערד און געוועזן א יאר אין וועג. און פונקט ווי ער האט ליב מאדנע און קורץ צו דערציילן, אזוי האט ער ליב פול מיט איבער־ערדישן חידוש צו הערן, איינהערן זיך ווי א פארוואונדערט קינד.

און אזוי ווי זיין מהות — אזוי איז דאס מהותיקסטע פון זיין מהות — דאס ליד און די מעשיות זיינע. אויך זיי בליצן מיט וואונדער און פארוואונדערונג, אט ווי די גאנצע וועלט וואלט געוועזן א גאלדענע קייט פון נסים, מיט קליינע פראזאישע אינטערמעצאס.

איך האב אמאל באזוכט די פרידמאנס אין בית דגון, די צארטע פרוי — א לערערקע, א טעכטערל אין שטוב, א שטילער, אייביק פארדאוונטער שווער, א רב, א גארטן און א דארף־שטיבל — אט אזוי ווי אין די דאזיקע ישראלדיקע שטעטלעך, וואס זענען נאך געבליבן גיכער ענלעך צו אראבישע דערפלעך. עס הייסט, אז יעקב פרידמאן איז ארום דער שטוב דער גערטנער, אבער ער פאר־זיכערט כסדר, אז דער גארטן וואקסט אליין און ער קומט נאר אין דעם גארטן שרייבן לידער. אבער — גיט ער צו — ווייזט אויס, אז מיטן כוח פון די לידער וואקסט דער גארטן . . .

אויסגעבענקט כסדר נאך חברים — קומט פרידמאן רעגולער צו יעדער חברישער מסיבה. ער קומט אלעמאל א שעה פריער און זיצט אויף די שטיינערנע טרעפ פארן זאל און ווארט אויף חברים. און אזוי ווי אויך איך קום אלעמאל פרי צו חברישע מסיבות — פלעגן מיר אפט אזוי זיצן אויף די טרעפ און ווארטן און טומלען, אמאל אויך ארייננגנבענען א חברישן קיבעץ אויף דעם, אויף יענעם. רעדן מיר אזוי — פלוצלונג צעפינקלט זיך פרידמאנס פנים מיט דעם גרעסטן חידוש. ער האלט פאר זיך עטלעכע לידער־ביכער אין עטלעכע לשונות און ער דערמאנט זיך, אז ער קען בשום אופן קיין ווארט אין קיין אנדער לשון נישט אויפשרייבן און נאר אין יידיש. און ער הויבט זיך פלוצלונג אן צו וואונדערן,



ווי נאר דער דאזיקער דיכטער קען עס טון מיט אלע חנען, ווי אזוי מען קען גאר בכלל שרייבן לידער אין אן אנדער לשון ווי אין יידיש . . . און ער האט דעם כוח אזוי איינעם אנצוצינדן מיט זיין חידוש, אז אויך איך האב אנגעהויבן אויפריכטיק מיך צו וואונדערן ווי אזוי מען קען שרייבן לידער אין אן אנדער לשון ווי נאר אין יידיש.

אמאל האט יעקב פרידמאן אונדז אלעמען איבערראשט מיט א לידער־סעריע צו א בארא נעססע, אבער אז מען קען אים — איז אלץ מעגלעך און נאטירלעך. אלץ אויסגעטראכטע — אמת, און אלץ אמתע — אויסגעטראכט. חלום און וואר פארמישט. ווי זאגט ער אין זיין לידער־סעריע „נח גרין"? — ווען נישט די יידישע זינגערלעך, וואלט גאט אליין זיך נישט דערזען און נישט געוווסט, אז ער איז דא . . . און א חלקל פון אים איז דאך דא אין יעדן אזא עכט ליד.

---

## יהודה ביעטש

### ה. ד. נאמבערג — דער פוילישער ייד

(צו זיין דרייסיקסטער יארצייט)

דער דראנג און ווילן צו אלגעמיינער בילדונג, צו ווערן מאדערנע קולטור־מענטשן, האט געברענגט דערצו, אז די יידישע יוגנט זאלן זיך שיידן מיטן בית־המדרש, פון ש״ס ופוסקים און זיך לאזן אין די גרויסע שטעט אריין. ממש עפעס אן איגערלעכע קראפט האט זיי געצוואונגען זיך אפצוזאגן פון די קליינ־שטעטלדיקע יידישלעכע לעבנס־פארמען, כדי צו געפינען א ברייטערן וועג צו פרייער אנטוויקלונג.

לכן זעען מיר ווי אט דער יידישער קולטור־פרילינג האט אויך נאמבערגן ארויסגערופן פון דער פרומער תורה־סביבה צו דער יידישער פאלקס־גאס. כאראקטעריסטיש איז דער עפיזאד, וועלכן ער האט דערציילט וועגן זיך אליין און וואס קלינגט ווי א מין ווידוי, וויאזוי ער, א חסידישער יונגערמאן, אן עילוי אויף קעסט, איז אנטלאפן פונם ווייב און פון די פרומע שווער און שוויגער. אין א לאנגער קאפאטע, מיט א בערדל און פיאות, ווי ר׳איז געשטאנען און געגאנ־גען, איז ער אריין קיין ווארשע די גרויסע שטאט.

איבער יענעם אלול־טאג פון זיין אנטרינען פון דער אלטער רעליגיעז־יחוסדיקער טראדיציע, ווען ס׳דאכט זיך, אז דער הימל פאלט איין איבערן קאפ, האט נאמבערג בכלל נישט געוואלט רעדן אדער שרייבן. ער האט אבער נישט געקענט איינגאנצן פארשווייגן אט יענעם פעריאד פון זיין לעבן, אט יענע טעג פון זיין יוגנט.

און עס איז פאר אים געווען ממש א מאטערניש אן אן אויסוועג.

„ס׳איז געשען ביי מיר, דערציילט נאמבערג, אזוי מיטאמאל, מיט אזא דעציזירטקייט. אינדערפרי האט איבער מיר געהאנגען זיבן הימלען. איך האב זיך געאמפערט, געשטארקט, געקלאמערט זיך מיט די לעצטע כחות אין איין רעליגיעזער וועלט־אנשויאונג. פארנאכט איז שוין געווען נאך אלעמען. כ׳האב

איינגעזעצן, אז אומזיסט איז יעדע מי צו דערהאלטן דעם בנין, וואס איז שוין אזוי אויך געשטאנען אויף שטרויענע פיס". ער איז אנטלאפן פון דער שטרענגפרומער יידישער וועלט, פון וועלכער אן אנטלויפער זעלטן קומט ארויס גאנץ.

ה. ד. נאמבערג איז געבוירן געווארן אין יאר 1874, אין אמשינאוו, אין א גייסטרייכער אטמאספערע פונם פרומען פוילישן יידנטום. — זינט 1897 אין ווארשע. די יארן זענען פאר אים נישט אוועק אומזיסט; דער קאנטאקט מיט דער מאדערנער קולטור האט בארייכערט זיין נשמה מיט א גאנצער ריי נייע עמפינדונגען, און ווי יעדער יידישער שרייבער פון דער פרץ־פלעיאדע האט ער זיך געריסן צו די העכסטע מענטשלעכע אידעאלן. די מאדערנע ליטעראטור, מיט איר רעאליזם, ראמאנטיזם און מיסטיציזם, האט אים באכישופט מיט א באזונדערער קראפט. ער ווערט א גרויסער פקח אין דער יידישער ליטעראטור — ער ווערט איז ריזיקער פקח.

ס'איז גענוג דורכצולייענען דאס קליינע מעשהלע, "דאס גליק", וואו ער שרייבט: "אינם אומבאגרענעצטן וועלטאל, אינם אומגעהויערן קאסמאס איז געפלויגן א מלאך מיטן אויסגעבעטענעם פון כסא־הכבוד גליק פאר די אומגליקלעכע מענטשן אויף דער ערד.

"אז ס'איז אנגעקומען דער באשטימטער טאג, זענען זיך מענטשן צוזאמענגעקומען פון דער גאנצער וועלט אויף א באשטימטן ארט. ס'האט אנגעהויבן ווערן ענג. מען האט איינער דעם אנדערן גענומען דריקן, קריגן זיך, טיילן פעטש... ס'איז געקומען דערצו, אז מען האט זיך גענומען הרגענען אויף טויט מיט מעסערס...

"טייכן מענטשן־בלוט האבן געפליסט אויף דעם ארט, און דאס יאמערן און קרעכצן פון די גוססים איז אויפגעגאנגען ביז צום הימל.

"דער מלאך האט דערזעען ווי די מענטשן דריקן און פרעסן איינער דעם אנדערן, האט ער פון דער הויך גענומען שרייען: שלאגט אייך נישט! איך האב גליק פאר אלע!

"נאר זיי האבן נישט געהערט.

"אז דעם מלאכס ליכטיקע אויגן האבן דערזעען די געהרגעטע און דאס בלוט זייערס, און אז זיינע אויערן האבן דערהערט דאס יאמערן — איז א טרער פון זיינע ליכטיקע אויגן געפאלן אויף דעם גליק. דער מלאך, א מידער, איז פארחלשט געווארן און דאס גליק איז ארויסגעפאלן פון זיין רעכטער האנט".

אדער למשל זיין פאנטאסטיש מעשהלע, "די געטלעכע בלום": "פאראן א בלום, א געטלעכע בלום. גלויבט דאס! עס וועט קומען א צייט, ווען די וועלט וועט פול ווערן מיט וויסן און גערעכטיקייט אזוי, ווי דער ים מיט וואסער. די בלום וועט דעמאלט איינגעפלאנצט ווערן אינם מענטשלעכן ישוב, און אלע וועלן זי זעען. און אייביק פריש וועט זיין זייער ליבע, האפנונג און גלויבן. העלער וועט די זון לייכטן, א וואלף מיט א שעפס וועלן זיך פאשען צוזאמען, אזוי ווי ישעיהו בן־אמוץ האט נבואות געזאגט".



ס'איז שווער זיך פארצושטעלן וויאזוי נאמבערגס קלוגע אויגן וואלטן געקוקט אויף אונזער היינטיקער צייט נאך דעם גרויסן חורבן פונם פוילישן יידנטום. ער וואלט אן ספק ווידער געזאגט: "פאראן א בלום, א געטלעכע בלום, גלויבט דאס!"

נאמבערג איז געווען, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקן, איינער פון די אינטעליגענטסטע שרייבער ביי יידן אין פוילן. אלס דערציילער באלאנגט ער צו די גייסטיקע שווימערס, וואס מיט זיין קינסטלערישן אויג מעסט אפ און באשטימט ביז וואו ווייט ער קען זיך א לאז טון. ער האט געהאט דעם גייסטיקן כח און מוט צו קוקן אויף זאכן לויט זיין אייגענער, אינדיווידועלער איינשטעלונג.

אין זיין דערציילונג, "פליגלמאן", טרעפן מיר אים שוין איבער שאפענהויער, שפינאזא און בודדא; א וויסטע, אומהיימלעכע גאטזוכעניש. און ער, "פליגלמאן", ווייסט פון זייערע פילאזאפישע סיסטעמען אויף קלאר. טראכטנדיק, אז אין תוך גענומען זענען אלע פילאזאפן "נישט איבריק קלוג געווען", יעדער איינער האט זיך פארמאכט אין זיינע ד' אמות, געטראפן, דאך אביסל געטראפן, ווייסט ער אלץ וואס זיי האבן אויפגעטון; און נאך ווייסט ער, אז דער עיקר, דער תוך כל התוכות איז דאס לעבן, דאס לעבן אליין.

אין דער אמתן איז, אפשר, אט די דערציילונג א נישט־דערפירטער פראוו צו קאריקאטוריזירן די מיזערנעקייט פון דעם יידישן אינטעליגענט, פאר ווען ס'האט זיך אויסגעלאשן דער טאג; און ביינאכט צומאל באווייזט זיך די לבנה בלויז פון הינטער א קוימען. ס'איז א קאמפלעקס פון דערשלאגנקייט פון גייסטיקע וואנדלער פון יענער צייט. כאראקטעריסטיש פאר די "קאליע־גאווארענע ישיבה־בחורים, ארום ווען ס'האט זיך געשאפן דער דעמאלטיקער אזוי־גערופענער "פליגלמאניזם".

נאמבערג האט זיך געוואלט פארשיכורן מיט דער וועלט, פארגעטערן דאס לעבן און די תענוגים פונם לעבן, אנטלויפן פון זיך און פון דער פארלוירנקייט, וואס ער האט מיטגעברענגט מיט זיך. אפשר טאקע זענען די אפטע רייזעס, וואס ער האט אזוי געמאכט, געווען א מין גייסטיקע באפרידיקונג פאר זיין שווער געמיט?

עס איז דעריבער ווערט צו ווידמענען אפאר שורות זיין רייזע אין דער שווייץ. ער שרייבט, "דאס הויז, וואו איך שרייב מיינע איינדרוקן, פרעסט זיך צו צו מיינע פיס. די שווייצער האבן אייזנבאנען ארויפגעפירט אויף די בערג. דער באג־רינג האט אזש צוויי — וואונדער פון דער טעכניק! דער יונגפרוי־בארג אפילו, דער העכסטער פון די שווייצערישע אלפן, האט אויך שוין אזא באן, אויסגעלייגט מיט צאן־רעדער אויף בארג ארויף, כדי צו באוואונדערן די נאטור!

"איך האב גענומען דעם שטעקן אין דער האנט — און די שווייצער טארבע אויף די פלייצעס, און געלאזט זיך אין וועג אריין צופוס. מען ווערט גיך מיד, דערפאר אטעמט מען טיף אין זיך איין די שניידיקע, קאלטע ווינטן,

וואס בלאזן אין דער הויך, וועלכע דערציילן דיר מאדנע סודות. היידא! די וועלט איז גרויס, די וועלט איז שיין, און דו שפאנסט אויף איר... העכער, העכער".

אדער אין זיין ים־רייזע באשרייבונג, „ווער איז שטארקער?" „דער אלטער זיידע אוקינוס האט אונז מקבל־פנים געווען, מיט פאראד און פייערלעך. ער האט אונז אויפגעשפילט א ווילדע מוזיק. דער טאטע ווינט, מיט צעשויבערטע פייכטע קאלטאנעס, מיט רויט־אנגעצונדענע אויגן, שטייט דארט ערגעץ אויפן עק האריזאנט און בלאזט אין פייפל:

„הו־הו־הו! איר זענט געקומען... הו־הו... עס איז די גרויסע חתונה און דאס שפיל פון ווייטקייט, פינסטערניש און טויט.

„קראך — טרר... א פאליע האט אויפגעהויבן די שיף, אראפגעשליידערט צוריק און איז צוריקגעשפרונגען און דאס וואסער צעשפריצט הויך הויך. פאליעס שפרינגען, רוישן און שוימען אלץ מער און מער. נאר דאס שוואכע, צארטע באשעפעניש, וואס הייסט מענטש און האט א קליין ביסעלע גייסט, האט מיט זיינע לאנגע, דארע פינגער געשפילט א מעלאדיע, און זיי געהערן א מענשנקינד. ווער איז שטארקער?"

נאמבערג איז א מערקווירדיקער מאלער. מיט אייניקע ווערטער מאלט ער אויס א שארף קלאר בילד, וואס איז ווי א וואונדערלעכע פאווע, באפוצט מיט כלערליי קאלירן, מיט פארשיידענע פארבן פונם רעגנבויגן. ער שטייט אן אנטציקטער, מיט א פנים ווי פון א הייליקן פאר דער שימערירנדיקער לאנדשאפט, „צווישן בערג". נאמבערג ווערט נישט זאט, מאלנדיק אט די שיינקייטן פון די אלפן און רופט אויס, „ס'לוינט צו לעבן און צו ליידן הונדערט יאר, כדי דאס צו זען איין קורצע ווײַלע!"

נאמבערג דער פוילישער ייד האט ליב געהאט דאס לעבן און שטארק פיינט געהאט טומל, ווי עס ווערט איבערגעגעבן פון זיינע נאנטע און פארערער. אבער געוואוינט האט ער פונקט א שריט פון ווינער וואקזאל אין ווארשע. באנען, דראזשקעס, טראמווייען האבן כסדר געהאמערט אין די טירן, פענסטער און ווענט פון זיין צימער. אז זיינע פריינט האבן אים אמאל געפרעגט, „נאמבערג, פארוואס וואוינט איר אין אזא טומל, אז איר האט אזוי פיינט טומל?" האט ער געענטפערט, „איך האב טאקע פיינט טומל, אבער איך האב שטארק ליב בערלינער קאווע אין דער פרי"!

„אז ס'ווערט מיר זער סקוטשנע, גיב איך מיר א גיי ארויס, לייג מיך שלאפן אין שנעל־צוג. אז איך שטיי אויף אין דער פרי, גיב איך א גיי אריין אין אונזער שרייבערישן בערלינער קאפע — ס'איז טעם גן־עדן. אבער ווען איך וואלט געוואוינט ווייט פון וואקזאל, וואלט איך דאס קיינמאל נישט אויסגעפירט".

מער ווי א צענדליק יארן איז נאמבערג געווען דער פארזיצער פון יידישן שרייבער־פארריין אין ווארשע, און סאי אין די קלענסטע סאי אין די שווערסטע לעבנס־פראגן פלעגט ער זיך קיינמאל נישט פארלירן.



אויף נאמבערגן קען מען פאראפראזירן וואס ער האט געזאגט וועגן פרצן, אז בלויז דאס פוילישע יידנטום... האט געקענט באשאפן א פרצן. ער איז נאר פאר אונז פוילישע יידן.

מען קען זיך גערנישט פארשטעלן טלאמאצקע 13 אן זיין יידישלעךפקחותדיקן פילאזאף, הערש דויד נאמבערג, וואס נאך זיין טויט האט מען אים אין א ארון ארויפגעלייגט אויף א קאטאפאלק אין ליטעראטן פאריין ביז צו דער לוויה, נישט בלויז צוליב כבוד וועגן, נאר מחמת ביים לעבן האט ער קיין היים נישט געהאט.

הערש דויד נאמבערג איז איינגעזאמלט געווארן אין דער ליטעראטן אלעע, וואו ס'רוען אונזערע גרויסע דיכטער און יידישע שרייבער — אויפן גענשער בית־עולם.

---

## א חשובער גאסט פון מדינת ישראל

אן אנגעלייגטער גאסט אין לאנדאן פון מדינת ישראל איז די טעג געווען דער באקאנטער העברעישער שרייבער ישראל זמורה מיט זיין פרוי, וואס האבן זיך דא אויפגעהאלטן עטלעכע טעג אויף זייער נסיעה פון אמעריקע צוריק קיין ישראל. י. זמורה איז נישט נאר א באטייטיקער העברעישער שרייבער, דער רעדאקטאר פונעם וואגיקן ליטעראַרישן זשורנאל „מאזנים", נאר אויך איינער פון די ראשי המדברים אויפן געביט פון דער העברעישער ליטעראטור־קריטיק. דערצו איז ער אויך נאך אן איש המעשים, איינער פון די גרעסטע פארלעגער אין לאנד, וואס גיט כסדר און מיט א שיטה ארויס ערשטקלאסיקע איבערזעצונגען אויף העברעיש און באגלייך מאדערנע ליטעראטור און וויסנשאפטלעכע ביכער. אזוי למשל האט זמורה ערשט אנומעלט ארויסגעגעבן דאס בוך שירים „עיר היונה" פונעם באקאנטן פאעט נתן אלטערמאן, א בוך, וואס האט געמאכט א גרויסן רושם אין לאנד און זיך פארקויפט שוין מיט איבער צען טויזנט עקזעמפלארן, א ציפער, מיט וואס אפילו גרויסע אייראפעישע פארלעגער וואלטן אים כ'לעבן מקנא געווען.

ביי אן אינטימען גלעזל־טיי אינעם גאסטפריינדלעכן הויז פון יהושע פאדרא, האבן זיך ישראל זמורה געטראפן מיט לאנדאנער חברים־שרייבער. געעפנט די מסיבה האט דר. יעקב מייטליס, וואס האט פארגעשטעלט דעם חשובן גאסט און וואגיקן ליטעראטור־קריטיקער, דערמאנענדיק, אז י. זמורה האט אויך אין דער לעצטער צייט אנגעשריבן עטלעכע עסייען אין יידיש (וועגן יואל מאסטבוים, ח. הזז א. א.), וואס האבן זיך געדרוקט אין דער „גאלדענער קייט". זיצט מען אזוי מיט ישראל זמורה אין חברישן שמועס מכוח דער היינטיקער העברעישער ליטעראטור אין מדינת ישראל און מ'איז נהנה פון זיין שרייבערישער בקיאות און אויפריכטיקייט. שאפט זיך באלד ארום דעם דאזיקן סימפאטישן שרייבער־גאסט אן אטמאספערע פון אינטימקייט און נאענטשאפט, וואס דערנענטערט און דערווארימט. עס פילט זיך אין דעם אלעם עפעס פון יענער חסידישער סביבה פון זיין בעסאראבישער היים, פון וואנען ער איז

שוין מיט עטלעכע דרייסיק יאר צוריק געקומען קיין ארץ־ישראל. זיין יעצטיקע נסיעה איבער יידישע וועלט־יישובים האט אים דערנענטערט צום כלל־ישראל אין חוץ־לארץ. אויף זיינע נסיעות האט ער יעצט געהאט א מעגלעכקייט זיך נענטער צו באקענען מיט יידן אין חוץ־לארץ, מיט זייערע פראבלעמען און געראנגל, מיט יידישע שרייבער און זייער שאפן. דאס אלץ איז פאר אים געווען, איז זיך זמורה אפענהארציק מודה, א גרויסע און וויכטיקע התגלות. דער דינאמיזם אין מדינת ישראל פארשלינגט אויך דעם גייסטיקן מענטש אין גאנצן. מען איז ראשו ורובו ארייגעטאן אין דעם גרויסן, וואונדערלעכן אויפבוי פון פאלק און לאנד. איז דא דערין פארהאן א שטיקל סכנה, מען דערזעט נישט, וואס עס טוט זיך דרויסן, מען איז עלול צו פארלירן דעם קאנטאקט מיטן גרויסן, שאפערישן כלל יידן אין גאר דער וועלט. איז מען טאקע אפגעריסן פון דער יידישער ליטעראטור, און ווי א העברעישער שרייבער, איז זיך זמורה מודה ומתוודה, איז ער די גאנצע יארן געווען אפגעריסן פון דער שאפונג אין יידיש. טוט אים דאס באמת באנג, בפרט נאך, אז יידיש שפילט היינט צו טאג נאך אזא וויכטיקע ראלע. האט דאך יידיש טאקע אין מדינת ישראל גופא באוויזן זיין האפט. נישט די ספרדים (א חוץ טאקע עטלעכע אויסנאמען און בתוכם דער גרויסער דערציילער י. בורלא) און נאך ווייניקער די דייטשע יידן אין דער מדינה האבן ביז יעצט באוויזן ארויסצוגעבן שרייבער פון וואג, וואס זאלן זיין בכוח ארומצונעמען דאס פילגעשטאלטיקע לעבן פון אט די פארשיידענע קבוצים.

מיט דער געלאסנקייט פון א תלמיד חכם און דער געניטקייט פון א קריטיקער, האט זמורה דערנאך גערעדט וועגן דער מאדערנער העברעישער ליטעראטור אין דער מדינה, באטאנט די לעבנסבאדינגונגען אין לאנד, דעם אויפבוי פון א כאאס־קבוץ־גלויות מיט אלע זיינע שווערע פראבלעמען און ראנגלענישן, וואס די ליטעראטור מוז אפשפיגלען. זמורה האט צום סוף דערמאנט די צוויי רעפרעזענטאטיווסטע העברעישע שרייבער משה שמיר און ס. יזהר, וועמען ער האט באצייכנט אלס איינעם פון די גרעסטע פראזאיקער פון דעם יינגן דור העברעישע שרייבער אין מדינת ישראל.

מט.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין בערנארד באראן סעטלמענט, 33 בערנער סט., לאנדאן, א.1. 3 אזייגער

שבת דעם 24־טן מאי — דאס טראדיציאנעלע שבועות פראגראם.

שבת דעם 31־טן — וועט מ. מינדעל האלטן א פארטראג.

שבת דעם 7־טן יוני — א רעפעראט פון י. ריכטיקער.

שבת דעם 14טן — לייענען און רעציטרן פון די יידישע שרייבער אין פראנקרייך.

שבת דעם 21־טן — געווידמעט דעם שאפן פון אסתר קרייטמאן.



# לאנדאנער קולטור ידיעות

גרויסע פייערונגען זיינען פארגעקומען לכבוד דעם חג־העשור פון מדינת ישראל אין לאנדאן, אויף וועלכע 10־דליקער טויזנט מענטשן האבן זיך באטייליקט.

אויך וויטשעפל האט זיך באטייליקט אינם יום־טוב: אין דער גרעט־גארדן־סינאגאג פונם קאנסל פון די ציוניסטישע־שולן האט גערעדט דר. ליטווין; אויף דער וויצא־פייערונג אין אדלער־האל — רעוו. גייער.

אויף דער פועלי־ציון־פייערונג, איסט־ענד, אין אדלער־האל האט געהאלטן א רעפעראט י. ח. קלינגער; אויף דער פייערונג ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס — שמואל הײלפערין.

אין „רידינג־רום" האט באשיינט דעם אוונט אסתר סאלאמאן מיט איר זינגען העבראישע לידער. אויף דער פייערונג אין בית־ציון האט גערעדט דער ישראל־קאנסול, רחבעם עמיר.

• • •

דער 19־טער אפריל, די הזכרה איבערן ווארשעווער געטא אויפשטאנד, איז אפגעהאלטן געווארן אין אדלער־האל פון פריינט פון יידיש לשון, יידישער „רידינג־רום" צוזאם מיטן יידישן וועלט־קאנגרעס. אויך אינם פערבאנד פון די געוועזענע פוילישע סאלדאטן און אין ארבעטער־רינג איז אפגעהאלטן געווארן הזכרות צום אנדענקן פונם ווארשעווער אויפשטאנד.

• • •

צום 15־טן יארצייט פון שמואל זיגלבוים האבן זיך חברים און פריינט פונם בונדישן פירער און מארטירער ווי אלע יאר, אויך הייאר געטראפן אין גאלדעסגרינער קרעמאטאריום ווו עס געפינט זיך דאס אש פונם נפטר. דער אמעריקאנישער בונדישער טוער מאקס אלעקסאנדראוויטש, וואס האט געוויילט דא האט געהאלטן אן איינדרוקספולע רעדע.

• • •

די „פרייע ארבעטער שטימע" גרופע האט געפייערט אין קראל האטעל דעם 85־טן געבויערן טאג פון רודאלף ראקער. דעם פארזיץ האט געפירט סעם דרין. די הויפט־רעדנער זיינען געווען הערש פענסטער און יוסף לעפטוויטש.

• • •

פעני וואקסמאן, די אמאל זייער בארימטע אקטריסע, וואס האט זיך געפינען די לעצטע יארן אין א סאנאטאריום איז פערגאנגענעם חודש געשטארבן.

• • •

„גלות און גאולה" א בוך לידער פון א. נ. שטענצל איז דערשינען פערגאנגענם חודש.

• • •



מיניאטור־צייכענונג — דוד טושינסקי

דער באקאנטער פאריזער מיניאטור־צייכנער, דוד טושינסקי, האט פערגאנגענעם חודש געהאט אן אויסשטעלונג פון זיינע וואונדערלערע צייכענונגען אין בן אורי. צווישן די לאנדאנער גאלעריעס וואס האבן אפגעקויפט זיינע צייכענונגען געהערט אויך דאס בריטישע מוזעאום — דאס איז א באדייטנדיגע דערגרייכונג פון א יידישן קינסטלער.

דאָס יובל־יאָר פון דער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ! מען וועט עס נישט צעבלאָזן מיט שאַלן פון שופרות אויפן הר־ציון, אָבער די שפחה־יידיש וועט זיך דאָס יאָר באַפרייען פון עבדות בתוך שפלות. די סימנים באַווייזן זיך שוין סיי אין ישראל און סיי אין די תפוצות. נאַטירלעך, די אויפגעקומענע גבירת־עברית גלוסט זיך נאָך צו שפּילן די פאַרנעמע ראָלע, אָבער זי הייבט שוין אָן צו פאַרשטיין, אַז מיט אירע סופּעריאָריטי־געפילן שטרייכט זי נאָר אונטער איר אויפגעקומענקייט. די אמתע באַלבאָסטע, וואָס ווייסט צו שעצן דעם ווערט פון אַרבעט איז נישט מבזה דעם האָראָפּאַשניק.

און אַצינד, אַז די ישראל־מדינה איז, ווי נישט איז, האַלב וועג איינגעאָרדנט, און הייבט שוין אָן צו פילן, אַז די גייסטיקע שפּייז, דער „לא על הלחם לבדו“ פאַלט נישט ווי מן פון הימל, מען מוז אויף אים האָרעווען, בזעת אפּיך, ווי אַן עבד כנעני — האָט זי זיך שוין מיט איר שוועסטער־שפּראַך, יידיש לגמרי נישט וואָס צו שעמען... אדרבא: ביידע צוזאַמען, האַנט אין האַנט, וואַסער וווּנדער וועלן זיי קאָנען באַווייזן.

זי, „די שפחה ביים רבי“, ביי ר׳ יוזיפלען, ביי ר׳ שלמהען, וועלכע שאלה איז פאַר איר צו שווער, וועלכע קשיא קאָן זי נישט פאַרענטפערן — — ניין, זי לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע אַריין, זי קען זיך אויף אַ טשאַד; יאָ, מען האָט זי שוין נישט איינמאָל אָפּגעבאַרט, זי איז אַ געפּרוווטע! אָבער זי קאָן איר שטעטל באַשטיין — זי שטאַמט פון אַש׳ס און ווייסנבערגס אַ שטעטל.

מילא, די צוויי שוועסטערן, די „צרות“, וועלן שוין צווישן זיך אַדורכקומען!

אַז אין די תפוצות וועט דער קומענדיקער דור ציונים, אַן יידיש, נישט נאָר נישט עולה זיין קיין ישראל, נאָר אין די שולן וועט מען שוין נישט געפינען קיין „זייאָניסט“ וואָס זאָל קענען עולה זיין לתורה, דאָס פאַרשטייען שוין פאַראַנטוואָרטלעכע ציוניסטישע מנהגים; אַז די פרייוויליקע אַסימילאַציע און די דעמאָקראַטישע לענדער וויל זיך פריי מאַכן פונם יעדן מאַטעריעלן עול לגבי דער יידישער מדינה, דאָס ווייסן שוין אַפילו לייכטזיניקסטע שליחים.

און צו סאָוויעט־רוסלאַנד — וואָס עס פּאַסט איר נישט מסתם, וואָס אירע יידישע ביגער שטייען נישט אויף דער הויך פון אַסימילאַציע ווי אין די דעמאָקראַטישע לענדער, און מיט צוואַנג וויל זי דערגרייכן די־אָ „גייסטיקייט“ — זאָגן מיר: מישטיינסגעזאָגט, אַ סאָציאַליסטישע מדינה, פאַר וועלכע די שפחה יידיש האָט אָנגעזויגן די קינדער פון דער רעוואָלוציע מיטן בלוט פון איר בלוט און נאָך די אַלע יאָרן פון ערלעכע אַרבעט און שווערע פּראַצע, זאָל זי, די שפחה, גאָר זיצן בלייבן אונטער תפיסה־גראַטעס און שלאָס פון געפענגעניש? און אַזאַ מדינה וויל דאָס זיין דער אַ וואַנגאַרד פון פּראָלעטאַריאַט? היה לא תהיה! נאָך גייט־אַן יידישע קולטור־טעטיקייט אונטערן אייערנעם פאָרהאַנג!

ווי טראַגיש דאָס איז געווען: גייענדיק מיט אייניקע פריינט צו טשעכאָווס אַ דראַמע, ווען דאָס באַלשוי־טעאַטער האָט געשפּילט אין לאָנדאָן און זעענדיק די סטאַרס, וואָס מיט זייער גאַנצער גרויסקייט דערגרייכן זיי נישט די קנעכל פון אַ מיכאָלס, אַ זוסקין, האָט עס מיך פלוצלינג אָנגעהויבן צו שטיקן אין האַלדז, ממש אַ פּאָגראָמטשיק, אַ שוואַרץ־מאַהניק, וואָלט מיך אָנגעכאַפּט, און נאָך איידער דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פאַרן ערשטן אַקט האָבן איך און דער פינסטערניש מיך אַרויסגעגנבעט פונם טעאַטער.

ווער ווייסט וויפיל יידיש־ריידנדיקע קולטור־מענטשן, וואָס געפינען זיך איצט אין טשערנאָוויץ — אין דער שטאָט פון דער היסטאָרישער קאָנפערענץ פון דען יידישער שפּראַך! — ווען זיי וואָלטן די מעגלעכקייט געהאַט זיך אַרויסצודרייען פון אַט דער אייזערנער פאָרהאַנג, איידער זי לאָזט זיך איבער זיי פינסטער אַראָפּ, וואָלט עס געטון. עס איז טראַגיש אַ קולטור־יובל, צו פייערן מיט אַזעלכע „מן המצר“־געפילן און „שדי קרע שטן“־געשרייען.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 7־6 (העפט 2־321) ניינצנטער יאָרגאַנג יוני־יולי 1958 לאָנדאָן

## צו דער מיסטעריע פון יידישן שאַפן

(לזכרון דער 6־טער יאָרצייט פון די שרייבער קדושים אין סאָוויעט־רוסלאַנד)

מיט די קמיעות־שמותדיקע קבלה־מעשיות פונם פאַרגומלטן, פאַרמעטפאַרגעלטן מיטלאַלטער, און מיט דעם זיך דערציילן די כל־ערליי בעל־שמסקע ווונדער־מעשות פון רפואה־קרייטעכצער און וואַלפציינדלעך, די בייזע פינסטערניש די ציין צו פאַררייידן, וואָלט חלילה געקומען, מיט דער עקסאַטישער שבתי צבֿי־ און פערשייטער יעקב פראַנק־באַוועגונגען, צו אַ פערווערזע דעגענעראַציע פון אונזער תורה שבעל־פה, — ווי אונזער שבכתב וואָס האָט זיך שיעור נישט פיזיש אויסגעשפּילט אין דער קריסטלעכער אימפּאָטענץ! — ווען נישט דער תמימותדיקער שיחות־חולין און די האַרץ־בענקענדיקע מעלאָדיעס, שמייכלדיק אַרויסקוועלנדיק פון דער פאַרטיפטער פנימיות פון יידישן גייסט, ווי פון אַלטן וויין, ווען נישט דער וויציק שפּרודלדיקער פאָלקלאָר פון די געזונטע פאָלקס־כוחות פון דער צוזאַמענהאַלטנדיקער מאַסע — ס׳איז די ניי־אויפגעוואַכטע עפּאָכע פונם יידישלעכן הומאַניזם, דער אויפגעגאַנגענער ליכטיקער לעבנס־דורשט אין די פינסטערע, אויסגעהונגערטע יידישע שטעטלעך.

אונטער שווערן האַמער פון לעבן איבער אונזער צעהיצטע, פיבעריק גליענדיקע קעפּ, האָבן מיר „כפטיש יפוצץ סלה“, יעדעס וואָרט פון דער תורה פּילפּולדיק, האָר־שפּאַלטנדיק געשפּאָלטן און זיך באַהאַלטן דערין ווי אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלזן. ווי האָבן מיר דרשנדיק צעדראָשן אונזערע לייבער! אָפּטויטנדיק אַזוי דעם זינדיקן גוף, ביז נישט שפּירנדיק מער די געטלעכע מיסטעריע פון נאַקעטן לייב; מיט שטייפן גראָבן פינגער אונזערן אַריינגעדרייט אונזערע רמ״ח־אברים און שס״ה־גידים אין די תרי״ג מצוות. מענטשלעכע גופים אָבער אין סיגופים־פאַנצער פון אַ כסדר זיך פּרוכפּערנדיק געזעץ מוז פּלאַצן — דער טיפסטער מאמר חז״ל וואָלט פאַרשטייפט געוואָרן ווי אַ קראַמישער פּסוק!

אָבער מיט דער עלאַסטישקייט פון די חסידישע תניעות און הועיות בריִדערלעך פאַרבונדען מיט דער ערד־שווערקייט פונם בעל גוף האָט זיך אָנגעהויבן אויסצופאָרמען פון די בכבוד־ראש און שווער־פאַרטראַכטע קבלה־רעיונות אַ לעבנס־לוסטיקע פילאָסאָפיע, און פון די פּרימיטיוו ווונדער מעשות — ווונדערלעכע און קונציקע דערציילונגען.

און די זריעה־זוימען פון די רפואה־קרייטעכצער האָבן זיך אין אונזערע תורה־צעאַקערטע תלמיד־חכמים־שטערנס פאַרזייט, און ס׳איז אויפגעגאַנגען די שפּע־זאַטע און קאָליר־פולע לאַנדשאַפט פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור.

אויף דעם מיטל־און מזרח־איראָפּעאישן באָדן, אויף דער סלאַווישער קרקע